STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05315

# SEYFER TEYVES NOAH

Noah Kaplan

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by D. David Trager*
*in memory of*
*beloved wife Sarah and loving parents Frances & Louis*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ALBERT
ST N. Y.

ספר

# תבת נח

על חמשה חומשי תורה

ענטהאלט פיעלע וויכטיגע און אינטערעסאנטע

## דרשות

פיר אלע געלעגענהייטען

ווי חתונות, בר מצות און ר״ל הספדים

אויף אלע סדרות פון

חלק ראשון

## ספר בראשית

מאת הצעיר נח קאפלאן בן לאדוני אבי ר׳ שלמה צבי הכהן זצ״ל

פרייז 2.50

Postar Printing Corp., 14 Cook St., Brooklyn, N. Y.

# The Ark of Noah

A collection of Sermons on the
FIVE BOOKS OF MOSES
contains
Orations for Weddings, Bar-Mitzvahs,
Eulogies, etc.

Part I.
GENESIS

Copyright 1940
RABBI N. KAPLAN
2131 Vyse Avenue, Bronx, N. Y.

*Linotyped* & *Printed by*
POSTAR PRINTING CORP.
Brooklyn, N. Y.



RABBI N. KAPLAN

## DEDICATION

As our sages in the Talmud have expressed their great
esteem for medical science, so do I now, give
tribute to the medical profession,
by dedicating this, my
first book, to
my
beloved friend,

DR. SAMUEL H. NERENSTONE

My dear Rabbi Kaplan:

I examined your manuscript and I was so enchanted by its contents that I continued to read a number of your sermons. What is particularly of interest to the American pulpit is the fact that it deals with contemporary Jewish problems in America and is replete with a type of humor which stirs a typical American Jewish audience both young and old.

It is a rare collection of sermons which offers a splendid harmony between the classical rabbinic quotations and the thought intended to convey. I recommend it particularly to the young American Rabbis of conservative tendencies.

RABBI MORRIS M. ROSE
Temple Sinai of Brooklyn

---

I have read with interest several selections of the manuscript of "The Ark of Noah" by my good friend, Rabbi Noah Kaplan. I found the book to be מלא וגדוש filled with quotations from Rabbinic literature and interpreted in a manner to reflect keen scholarship and wisdom.

The book is written in the style of the traditional Jewish preacher of the past and at the same time interpreted in such a manner as to give it a modern garb.

I extend my sincerest congratulations to the learned author and recommed the book to both Rabbi and Layman.

RABBI JOSEPH MILLER
Congregation Shaare Torah of Flatbush,
President Brooklyn Jewish Ministers Association.

---

I beg to state that I read part of the book in manuscript composed by the distinguished and famous Rabbi N. Kaplan. I was very much impressed with his methods of interpretation of the Five Books of Moses. They are scholarly, simple, direct, and they make a very strong impression on an audience.

I believe that this book will be of great value to all Rabbis and speakers. I will be pleased to have a copy of the volume when it is published.

RABBI JACOB BOSNIAK
of The Ocean Parkway Jewish Center

# מכתבי תהלה והסכמות הרבנים הג׳ המפורסמים

מפני חי הכיס וההדפסה ביוקר נשמטו מחלק הראשון הרבה מהם ויובאו בל״נ על החלק השני וגם אלה שהובאו בכאן נשמטו דברים רבים מהם ויובאו בקיצור נמרץ.

בע״ה, הרה״ג איש משכיל ודרשן מפואר הרב ר׳ נח קאפלאן.
ספרו דרשות והגיונות על חמשה חומשי תורה ראיתי וגם ידעתי מכבר את הרב הנ״ל דבריו אשר ידבר המה יוצאים מקירות לבו ונכנסים ללב שומעיו ע״כ אבקש מאחב״י לספח את ספרו זה לביתם כי בטח ימצאו בהם דברים טובים ומועילים. ומצוה גדולה לתמוך ביד הרב המחבר וכל התומכים יתברכו בברכת כל טוב כחפצכם וחפץ המברכם גם אני **הר״ז גאלובווסקי**, רב דביה״כ עלדער עווע. קאנג. עמנואל, בראנקס.

בע״ה, כאשר ראיתי כתבי יד על התורה מהרב המאוה״ג ר׳ נח ב״ר שלמה הכהן קאפלאן ועינתי בו ומצאתי בו דברים ישרים וטובים אמרתי לפעלא טבא ממני המעתיר בעד הרב הנ״ל, **רש״י הלוי פינקעלשטיין** החופ״ק בראנזוויל, ברוקלין.

הנה כאשר הרב וכו׳, ר׳ נח ב״ר שלמה צבי הכהן קאפלאן נ״י בקשני שאתן לו הסכמתי על ספרו, עיינתי באיזה מקומות ומצא חן בעיני, אף שאין מדרכי לתן הסכמות אך כאשר עיינתי באיזה ענינים והפיק רב רצון ממני וגם דרש איזה פעמים בביה״כ שלי ואנכי

שמעתי את דבריו היקרים ומאד הוטב בעיני כ"ד המעיד ומעתיר נאום **מרדכי מאיר זילבערמאן** הרב דביה"כ בית יעקב צבי זכרון יוסף בברוקלין ומלפנים רב במאטעלע ופינסק ובכמה קהלות ישראל.

כ' הרב הג' הדרשן המפורסם מוהר"ר נח ב"ר שלמה צבי הכהן קאפלאן נ"י.

ראיתי כתבי ידו על התורה ומצאתי דברים טובים וישרים ע"כ אבקש מאחב"י לקרבו ולתומכו. **ליבער מארוויט**, רב בקהל עדת ישורון דבראנקס.

---

הנה יודע אני מכבר את ידידי הרה"ג ר' נח ב"ר שלמה צבי קאפלאן מפעטריקאף פלך מינסק כבר שמעתי את מדברותיו בביה"כ שלי ודבריו מצאו חן בעיני כל שומעיו, ולמען החזקת התורה יצאתי מגדרי להמליץ עבורו אל אחב"י שיקנו את ספרו כי ימצאו בו דברים של טעם נאום **דובער אפפעלמאן** החופ"ק רב דביה"כ חברה תהלים כתר ישראל.

---

כאשר בא לפני הרה"ג איש משכיל מפואר ודרשן גדול ובעל מדות טובות מפורסם לשבח וכו', מוה"ר הרב ר' נח ב"ר שלמה צבי הכהן מפעטריקוב וראיתי את ספרו ויש בו דברים טובים ועריבים ובטח יתענגו בו כל הדרשנים מצוה גדולה לכל אחד ואחד מישראל לקנות את ספרו מהרב המחבר הנ"ל ולתמכו בכל מיני סעד להוציא את ספריו לאור ובזכות זה תתברכו ממרום וישפיע השי"ת לכם שפע ברכה והצלחה בכל פרטי הטוב המדבר לכבוד התורה **יהודה ארי' בלאאדמו"ר הקדוש זצוקלה"ה מנאוומינסק** בעהמח"ס „לב ארי'" ב' חלקים.

---

הרב הג' ר' נח קאפלאן ספרו חדושים ודרשות על חמשה חומשי תורה ראיתי וכו', ונחמד למשמע אוזן אקוה כי הקורא בהם ימצא נחת רוח בדבריו כי הוא דרשן מצוין ומפואר וכו', מהראוי ומצוה גדולה על כ"א מישראל שישתדלו לקנות את ספרו, להחזיק אותו וכו'. **חיים אייזיק** במוהריז"ל **רייטער** רב בברוקלין ומלפנים בעיר פאראבישט רוסיא.

בעזה"ש, הנה בא לפני הרב המצוין פה מפיק מרגליות וכו', מוה"ר נח במהור"ר שלמה צבי הכהן קאפלאן וספרו בידו ומצאתי בו דברים ערבים ונעימים לשומעיהם וגם שמעתי אותו כבר הרבה פעמים דורש מעל במתי קדש בהבתי כנסיות שלנו ובדבריו ואמרותיו מביא עונג לשומעיו וישמעו ענוים וישמחו לכן ידי תכון עמו ואי"ה וכו', אקח ספר ואבקש מאחב"י לתמוך ולהביא פרי ברכה זו לבתיהם ולהחשב בין אלה החכמים יראי ד' ובזכות זה תתברכו ממעון הברכות בכל מילי דמיטב ותיכף לת"ח ברכה וכו', ביום שהוכפל בו כי טוב לס"ד ככל אשר אני מראה אותך וכן תעשו.

**ארי' ליב במוהריז"ל רלב"ג** רב ואבד דקאני איילאנד והסביבה

---

מליצתי זאת תערב בעד הרב, המצוין במעלות ובמדות מוכתר בנימוסין מו"ה נח ב"ר שלמה צבי הכהן קאפלאן נ"י אשר ידעתיו זה מכבר בתור גדול בתורה ודרשן מצוין כי שמעתי דרשותיו הרבה פעמים והוטבו מאד בעיני וכו'. ואי"ה אהיה מן המנוים למצוה לקבל את ספרו ולשלם דמי מחירו ואקוה שרבים מידידי יראו וכן יעשו וכו', בלס"ד צו אין צו אלא לשון זירוז במקום ח"כ, **שמואל ב"ר בנימין ז"ל באסקין** רב ואב"ד דבני ישראל הנקרא יוהז סט. שוהל.

---

הנה בא לפני ידידי מאז הרב הגדול בתויר"ש ר' נח הכהן קאפלאן וספרו בידו וכו', ידעתיו מאז לאיש מצוין וכו', בנועם אמרותיו ובטח יפיק רצון בספרו זה בעיני הדרשנים והמטיפים וכו'. מצוה גדולה לתמכו ולסעדו בכל מילי דמיטב וכו', **שמואל אליהו עלקין** אב"ד דביה"כ עץ חיים בעהמח"ס „דבר שמואל" ו„יד אליהו".

---

מכיר אנכי את האברך הרה"ג מו"ה נח ב"ר שלמה צבי הכהן שהוא נאה דורש וכמה פעמים שמעתי אותו מדבר מעל הבימה והוטבו דבריו בעיני וכו', ומצוה לתמכו ולסעדו ועל זה באתא עם החותמת לקים דברי אמת ב, משפטים, תכפר לפ"ק **משה קלונימוס סקינדער** חופ"ק ניו יארק בביה"כ קאלוואריער מלפנים רב בלוצק.

הנה יודע אני מכבר את הרב וכו', וכו', מחבר הספר היקר תבת נח שמעתי את דבריו וכו', אין ספק שרבים יהנו מחיבור זה ע"כ אומר אני את הסכמתי על ספר זה **אברהם משה בלא"א ר' זאב גארעליק** מלפנים רב בעיר רוטקע ובעיר ווישנעווע.

---

הרב המשכיל פה מפיק מרגליות מוה"ר נח קאפלאן שליט"א בידו מגילת אש עפה דברים חוצבים להבות אש להלהיב לבם של ישראל לאביהם שבשמים דבר נחוץ עד למאד וכו', וברכתי העמוקה הנובעת מעמקי לבי שיזכה להוציא לאור ספרו הנחמד ודבריו יאירו ע"פ תבל, ידידו מוקירו ומכבדו **יהודה אלטוסקי** אב"ד לינת הצדק בבראנקס, מחבר ספר „הגיוני יהודי".

---

למראה עיני היה הספר של הרב הג' נח קאפלאן וראיתי שראויין הדברים להדפיסן ומה שמדפים בלע"ז ולא בלה"ק הכונה כדי לזכות את הרבים ומובא בס' פלא יועץ וכו'. והספר הזה מן המועילים יחשב וכו', **חיים הירש קאניקאוו** רב דביה"כ צמח צדק אנשי לובאוויטש.

---

יודע אני את ידידי הרב הגדול ר' נח קאפלאן הכהן מבראנקס פעמים שונות דורש בצבור, ראיתי בו את הכשרון למצא את המפתח ללב ישראל ולקרבם לאבינו שבשמים.

עיינתי בספרו „תבת נח" על כל התורה ומצאתי בדבריו חומר נאות לכל דרשן בישראל לתבל את דרשותיו במשל נאה ובבדיחה עממית המתקבלים על לב כל השומעים.

מן הראוי לסייע בידי הרב המחבר להפיץ את ספרו בין השדרות הרחבות בישראל.

**יעקב דוד גארדאן**, רב בביהכ"נ „בני ציון" דבראנקס בהר"ב הגאון אליהו גארדאן זצ"ל.

# תוכן הענינים


## בראשית

דרשה א — פאנגט אָן מיט טהאָן גוטעס.

דרשה ב — כל התחלות קשות.

פרורים (ברעקלאך) — א, ב, ג, ד, ה, ו, ז, ח, ט, י, יא, יב.

אחד מן העקרים באמונה. שהתורה היא עפ״י ד׳ ולא בדה משה מלבו.

## נח

דרשה א — אפיעל פאר טשאריטי פירוש ורעיון ב) על בגלל.

דרשה ב — צדיקים במיתתן קרויים חיים.

דרשה ג — אמונה מיט מענשליכקייט.

מאמרים מאנשי סדום וכתות שונות.

## לך לך

דרשה א — מכל מלמדי השכלתי.

רעיון ב — דער צוועק פון אברהם׳ס וואנדערען.

רעיון ג — לערנען צו גרויסע דערוואקסענע מענשען.

דרשה ב — פארביטענע מעשים.

דרשה ג — ער מיינט ניט די הגדה.

דרשה ד — צדיק גוזר והקב״ה מקים.

דרשה ה — אברהם׳ס נסיונות.

רעיון ב — דער תכלית און צוועק פון גלות.

דרשה ו — סוף הכבוד לבוא.

## וירא

דרשה א — הכנסת אורחים.

דרשה ב — אברהם דער מאטעמאטיקער.

דרשה ג — מצא אחרת נאה הימנה ?

א רעיון אויף דער גמ׳ שבת פ״ט.

דער גלות איז ווי א מעדיצין.

דרשה ד — דער וויטער עתיד.

דרשה להפטרה — יאָהרצייט לאָמפּ.

גוי־אישער רחמנות.

## חיי שרה

דרשה א — הספד.
דרשה ב — חראפעט ניט.
דרשה ג — להולדת בת.
דרשה ד — די עקספירענס פון יאָהרען און טעג.
דרשה ה — מצא אשה מצא טוב.
דרשה ו — די חכמה פון אלטע און די זריזות פון יונגע, א גוטע קאָמבינייישאן.

## תולדות

דרשה א — להספד, מי שהחזיק ת"ת.
דרשה ב — לעולם ישא אדם בת ת"ח.
דרשה ג — די צוטראטענע בלום.
דרשה ד — לחנוך הבנים וגם לב"מ.
דרשה ה — כבוד או"א.
ברכת כהנים.
דרשה ו — החזקת התורה.
דרשה ז — בזה הענין. פי' (ב) על הקל קל יעקב.
דבר קצר להפטרה בענין החזקת תורה.

## ויצא

דרשה א — סבלנות.
א גוטען ווארט אין דעם ענין.
דרשה ב — מלחמת היצר. מלחמת העצבות.
דרשה ב — בזה הענין.
דרשה ג — לחתונה.
דרשה ד — אחדות אין פאָלק.
דרשה ה — סוף אדם.
דבר קצר להפטרה הושע סימ' (י"ב).

## וישלח

דרשה א — די אנטיסעמיטען האָבען ליעב אידיש געלט.
דרשה ב — יגיע כפיך.
דרשה ג — ממון הוא דבר אמצעי לפי הזמן.
דרשה ד — עשו איז מודה אויף די ברכות צו יעקב'ן.
דרשה ה — והלך לפניך צדקך.

דרשה ו — ריינע ברודער ליבע.
דרשה ז — אחרית הימים.

## וישב

דרשה א — דין וחשבון.
דרשה ב — מדה כנגד מדה.
דרשה ג — עם הארצות מזיק (מארבעה אבות נזיקין).
דרשה ד — לתפילין ולחנוכה.

## מקץ

דרשה א — דער לעבען.
דרשה ב — אלע חכמות אין דער תורה.
דרשה ג — בטחון
דבר קצר גמ׳ חולין.
דרשה ד — כי נשני אלקים.
פרורים (ברעקלעך) — א, ב, ג.

## ויגש

דרשה א — מום שבך אל תאמר לחברך.
דרשה ב — לסוכות וחנוך הבנים.
דרשה ג — א טויטער שטארבט ניט.

## ויחי

דרשה א — געטרייע קינדער.
דרשה ב — יעקב לא מת.
דרשה ג — חנוך הבנים לב״מ.
דרשה ד — יעקב וויל בענשען יוסף׳ס קינדער.
דרשה ה — צדקה.
דרשה ו — אינסטאַליישאַן.
דרשה ז — באוואוסטזיניגע אידען.
דרשה ח — תחילת דינו של אדם.
דרשה ט — זייט ניט קיין כעלעמער.
דרשה י — הספד וסוף אדם.
הספד אויף די טרעפ פון שוהל.
דרשה יא — לפורים ולשמחת תורה.
דרשה יב — צו א גאָלדענער חתונה.

# הקדמת המחבר

יתברך הבורא ויגילו הקוראים. אין דעם ערשטען ספר פון די חמשה חומשי תורה האָב איך אין מיינע דרשות אויף אלע סדרות, זיך באנוצט מיט פארשידענע וועגען און אויסשפּראכען, אמאָהל מיט פראקטישע לאָגישע געדאנקען זיך אויסגעדרוקט, און אמאָהל מיט משלים און פאָלקס ווערטלעך, אום צו מאַכען אינטערעסאנט פאר'ן לעזער, און דורך וועלכען ער זאָל קריגען אפּעטיט צום לערנען. רש"י ז"ל זאָגט אויף די ווערטער: „תשים לפניהם כשולחן הערוך ומוכן לאכל", און אזוי ווי צו האָבען פארגעניגען פון עסען דארף מען האָבען אפּעטיט, אזוי אויך דאָס לערנען, וועט ברענגען פיעל נוץ אז מען וועט לערנען מיט חשק, מיט אפּעטיט. איך האָב זיך אויך איינינגע מאָהל אויסגעשפּראָכען בלע"ז, (בלשון רוסי) אזוי ווי א גרויסער ת"ח איז איינמאָהל אריין געקומען אין א שוהל, און אזוי ער האָט געהאלטען אין וואשען די הענד, ווען מען האָט פארענדיגט א ברכה, האָט ער געזאָגט: „פראוודא". — אזוי זאָג איך איינינגע מאָהל בלע"ז, גוטע ווערטער, וועלכע וועלען זיכער זיין אינטערעסאנט פאר דעם לעזער.

עס איז פארשטענדליך, אז ווען א קארליק זיצט אויפ'ן רוקען פון א ריעז, זעהט ער נאָך ווייטער פון דעם ריעז. אזוי אויך האָב איך געפּראובט צו באלויכטען איינינגע שטעלען פון ת"ח, און געלערענטע, און צוגעגעבען מיין פערזענליכען בליק, און אמאָהל אביסעלע היומאָר, וועלכעס שאפט א פרעהליכע שטימונג ביים לעזער, און ער ווערט מעהר פאראינטעריסירט צו לערנען די תורה און איהרע שטעלען. נאָר, איך וויל בעטען דעם לעזער, אום נאָך בעסער אָפּצושאצען מיינע נייע זאכען, מיט

וועלכע איך האָב באַלויכטען פיעלע שטעלען אין דער תורה, אין נ״ך אָדער פון דער גמרא, קוקט נאָך אין די אָנגעצייגטע ספרים דעם געוועהנליכען פשט, און דאַן וועט דער לעזער ווי געהעריג קענען אָפּשאַצען און נאָך בעסער פאַרשטעהן די טיעפע רעיונות וועגען שלום, אחדות און מענשליכקייט, וועלכע ווערען זעהר אָפט בעהאַנדעלט און באַלויכטען אין מיינע דרשות.

איינמאָהל ווען איך בין געררופען געוואָרען פון א געוויסע אָרגאַניזיישאָן צו האַלטען א רעדע, פרעגט מיך דער פּרעזידענט: „איבער וואָס וועט איהר רעדען?״ פרעג איך איהם: „איבער וואָס ווילט איהר איך זאָל רעדען?״ זאָגט ער: „רעדט איבער אַלעם נאָר ניט איבער פופצען מינוט״. איך דענק אז עס א גוטע עצה. איך וועל דארום ניט מאַכען קיין צו־לאַנגע הקדמה, אום דער לעזער זאָל גלייך קענען צוטרעטען צו קלויבען די פּערעל פון חכמה און לומדות וואָס געפינען זיך אין די פאָלגענדע דפים, איך וויל אָבער פאַרענדיגען מיט א ווענדונג צו אַלע אידען צו פאַרשפּרייטען און ניט מבטל זיין דיזען ספר הדרשות, ובזכות החזקת התורה יבנה ביהמ״ק בב״א, —

כעתירת המחבר, **נח בן לא״א ר׳ שלמה צבי קפלן** ז״ל

ואמי מרת אסנת׳ ע״ה.

שנת תכפר לפ״ק

# בראשית

## דרשה א.

### פאַנגט אָן מיט גוטעס טאָהן

**מורי ורבותי!** פאַרוואָס ווערט דער שבת אין וועלכען מען לייענט די סדרה „בראשית" אָנגערופען מיט'ן נאָמען: „שבת בראשית"? די אנדערע שבתים פון א גאנץ יאָהר רופען זיך ניט מיט'ן נאָמען פון דער סדרה וואָס מען לייענט דאָן. מען רופט ניט: „שבת נח", אָדער „שבת וירא", „שבת וישלח", א.ז.וו. דער ענטפער איז: אין די פאַרכטיגע טעג פון יום הדין, האָט דאָך יעדער איד תשובה געטאָהן, און דערפאַר פאַנגען אַלע אידען אָן שבת בראשית א נייע לעבען. — בראשית: פון אָנפאַנג.

**סור מרע**, קערט זיך ברידער אָפּ פון דער בייזער פאַר־גאַנגענהייט, זייט גוט איינער צום צווייטען, און זייט פרעהליך, די תורה ענדיגט זיך מיט א „למד" און פאַנגט זיך באַלד אָן נאָכ'ן ענדיגען שמחת תורה מיט א „בית". די אותיות „לב", א האַרץ, „רחמנאָ לבאָ בעי", דער עיקר איז א גוט האַרץ. די וועלט פרעגט, ווארום א דאָקטאָר עקזאמינירט דעם קראַנקען די ערשטע זאַך, די האַרץ. פּשוט, ווייל ער וויל וויסען צו וועט דער חולה קענען אויסהאַלטען דעם ביל... עס זיינען דאָ מענשען וואָס די געלד איז ביי זיי וויכטיגער פון זייער לעבען און דעם לעבען פון זייערע פריינד. אָט האָט איהר אין דער סדרה, פון די ערשטע צוויי ברידער. **קין**, ער איז מקריב א קרבן צו גאָטט, פון וואָס? „מפרי", ניט „מפּריו", פון זיין פרוכט, נאָר פון די הפקר, — **הבל** איז מקריב מצאנו, פון זיין שאָף, ניט פון הפקר. גאָט נעמט ניט אָן קין'ס קרבן, ווערט קין „דזשעלאָוס" אויף זיין ברודער, און ער ערמאָרדעט איהם. קארגשאַפט קען ברענ־גען צו שפיכת דמים. עס איז אמאָהל געשטאָרבען א קארגער גביר. האָט מען איהם פאַראורטהיילט צום גיהנום. שרייט דער גביר: „איך האָב דאָך געגעבען טשאַריטי, פאַרוואָס שיקט איר

מיך אין גיהנום?״ רופט אוים דער שופט צדק: אונטערזוכט די ביכער פון צדקה! האָט מען געפונען אז דער קארגער גביר האָט אין זיין גאנצען לעבען געגעבען זעקס סענט טשאריטי. איין מאָהל א סענט אין דער פושקע פון שוהל, און א צווייטען מאָהל פינף סענט אויף׳ן נאַציאָנאל פאָנד, צוזאמען זעקס סענט. „דאָס אלעס?!״ האָט דער שופט געשטורעמט, און געגעבען א וואונק צום מקטרג, צום ס״ם, „גיט איהם אוועק שנעל די זעקס סענט, און זאָל ער געהן אין גיהנום אריין!״

יעדער איד ווייסט אז אין גלות, אין חוץ לאָרץ, איז צדקה, טשאריטי, צו העלפען דעם אָרימאן, דער גרעסטער קרבן. זעהט זשע, אידען, זייט ניט מקריב אייער קרבן, ווי קין, אָדער ווי דער גביר, — זעקס סענט — נאָר מיט׳ן גאנצען הארצען, **למדו** לערענט זיך **היטב** גוטעס צו טאָהן, געוואָהנט צו אייער הארץ זאָל קענען פארטראָגען דעם גרויסען „ביל״ פון צדקה. נאָך די טעג פון חרטה אויף די זינד פון מענש צו מענש, איז דער שבת בראשית א פרעהליכער שבת. „ותשובה ותפלה וצדקה״, צדקה מיינט מען דאָך ממון, מוז מען געבען מיט שמחה, „ואל ירע לבבך בתתך לו.״

## דרשה ב.

## כל ההתחלות קשות

**בראשית ברא א-ל-קים**, ס״ת, די לעצטע אותיות זיינען אותיות **אמת** נאָר זיי זיינען ניט כסדר, אָבער ברא א-ל-קים את איז יא כסדר, צו לערנען אונז אז פון אָנפאנג איז מיט׳ן אמת זעהר שוועהר צו געהן, אָבער נאָכדעם איז „הבא לטהר מסייעין אותו״, און עס ווערט אלעס אין אָרדנונג. מיט׳ן אמת איז זעהר שוועהר דורך צו לעבען זיך. אמת איז „מרחקי מילייהו״. די אותיות זיינען ווייט איינער פון אנדערען. „שקר מקרבי״, זיינען איינער נאָהענט צום צווייטען. די אותיות „שקר״, לייענט זיך אויף אן אנדער וועג „קשר״, דאָס הייסט: א בונד. די ליגנער זיינען אין איין בונד. „שקר אין לו רגלים״, דער ליגען האָט ניט

## תבת נח

קיין פיס, קען ער ניט לויפען. בלייבט ער אויף איין אָרט און ער האָט מנוחה אויף א שטענדיגען פלאַץ. אָבער דער אמת, לויפט ארום, ער וואנדערט און האָט ניט קיין אָרט, קיין מנוחה, דאָס מיין איך דאָס אידישע פאָלק מיט אירע ת״ח, וועלכע המן רופט אָן „עם מפוזר ומפורד״, און ירמיה הנביא זאָגט אויך: „שה פזורה ישראל״.

## פרורים — ברעקלאך

### א

ר״ת פון בראשית איז בן ראשון אחר שלשים יום תפדה. **אדם** ר״ת איך דארף מעות, אָדער, איך דארף מעהר. „מי שיש לו מנה רוצה מאתים״.

### ב

**היא נתנה לי מן העץ ואוכל.** איך וועל נאָך עסען. וויאזוי האָט עס אָדם געקענט זאָגען צו גאָטט אז ער וועט נאָך עסען? דער ענטפער איז: „היא נתנה לי מן העץ״, זי האָט מיר געגעבען פון דעם האָלץ, מיט דעם א גוטען קלאַפּ איבער דעם קאָפּ, ווייל, „האשה אשר נתת״ די פרוי וואָס דו האָסט מיר געגעבען איז „עמדי״, זי איז גלייך מיט מיר, א „סופראזשעטקע״ זי איז פון מיין זייט גענומען געוואָרען און זי האָט א כח פון א מאַן. זי רויכערט סיגארס און טרינקט בראנפען...

### ג

**שמים** רש״י, **אש ומים.** עס איז פון פייער און וואסער, דאָס איז דער מיינונג פון „עושה שלום במרומיו״ חאָטש פייער און וואסער זיינען דאָך צוויי שטרייטענדע קרעפטען, דאָך איז דער הימעל בעשאַפען געוואָרען פון די צוויי זאכען און גאָטט האָט געמאַכט שלום צווישען זיי אין דער הויך אין הימעל.

**הוא יעשה שלום עלינו.** זאָל גאָטט אויך מאכען שלום צווישען אונז, מתנגדים און חסידים. דאָס הייסט, אלע פאַרטייען זאָלען זיין שלום. **ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך**

# תבת נח

אַט דאָס איז דער מיינונג פון „מחלקת לש״ש בית הלל ובית שמאי״, חאָטש, אין הלכה זיינען זיי געווען פייער מיט וואסער, אָבער אַזוי איז ביי זיי געווען שלום. בלויז לש״ש איז ביי זיי געוועזען מחלקת אין הלכה.

## ד

**וקוץ ודרדר תצמיח.** דער **ד** פון אחד און דער **ר** פון אחר איז גרעסער אין דער תורה כדי מען זאָל ניט פארבייטען פון „אחד״ ביז „אחר״, דאָס איז דער מיינונג פון **דר דר תצמיח** לאָז אביסעל שפראָצען מעהר, וקוץ, מיט א ביסעל.

## ה

**יום השׁשי** מיט א „ה״, דער זעקסטער, דאָס מיינט אז צו־ליעב דעם זעקסטען טאָג אין סיון, מתן תורה, איז צוליעב דעם „ויכולו השמים והארץ וכו׳״ אלמלי בריתי יומם ולילה ווען ניט די תורה, חוקות שמים וארץ לא שמתי, בגמ׳ הששי ויכולו השמים והארץ. זעהט, ברידער, רעספעקט פאר ת״ח און זייט ניט מאַבד די וועלט וועלכע איז באשאפען געוואָרען „בעשרה מאמרות״.

גאָטט האָט מוסיף געווען צו **אברם א ה׳**, ער זאָל קענען מוליד בנים זיין הה־הא־היי גימט׳ שם רחמים: א־ה־יי.

**זה ספר תולדות אדם** צוליעב׳ן ספר איז דער מענש געשאפען געווארען.

## ו

**ביום הבראם** בגמ׳ בהאָ בראָם, די וועלט איז באשאפען געווארען מיט איין אתא קלילא, מיט א לייכטען אות, א „ה״, וואָס אמאָהל הערט זיך ניט דער ה׳, און יענע וועלט מיט א ׳יוד׳ „כי ביה ד׳ צור עולמים״, מיט׳ן „יוד״ און מיט׳ן „האָ״ זיינען די ביידע עולמים באשאפען געוואָרען. דיזע וועלט, כדי ווען ער זינ־דיגט זאָל דער מענש קענען אריין מיט תשובה צוריק דורך דעם קליינעם טיהרעלע פון דאך, און יענע וועלט מיט א ׳יוד׳ פאַר די צדיקים וואָס האלטען זיך קליין ווי דער קלענסטער אות. און דערפאר, איז אידען טרינקען מיט א כוס „לחיים״ האָבען זיי א סליחה אויף זייערע עבירות, ווייל „כוס״ איז אין ר״ת „ויאמר

ד׳ סלחתי כדברך״. איז דאָך די פראגע וואו איז דאָ דער יוד פון ד׳, דער ענטפער איז: צוויי אידען טרינקען, איז דאָך יי. . .

ז

**דער מענש** וואָס האלט זיך גרוים און באריהמט זיך איז אסתירא בלגינא „קיש קיש קריא״ אזוי ווי א מטבעה אין א פוסטען קרוג, קלינגט עס. עס זיינען דאָ אזוינע בעלי־צדקות וואָס ווען גיבען זיי צדקה ווען מען אדווערטייזט זיי, אז זיי האָבען געגעבען טשאריטי, אז מען קלינגט אוים מיט׳ן גלאָק. אָט דער־פאר קלינגט אזוי שטאַרק די געלד אין קרוג, ווייל די געלד איז אזוי ווי ברוגז און שרייט וואָס זי איז ביי אזעלכע שפול׳ע מענ־שען, וואָס פארשטעהן ניט וויאזוי זיך צו באגעהן איידעל, און זיי, די מטבעות, שרייען זיי וואָלטען ניט געוואָלט געוועזן ארוים מופען פון דעם כים, ווייל די מטבעות אין כים אין איין איידעלען אָרט, שרייען זיי ניט. ב״מ פ״ה ע״ב: תום׳. לפי שאין דרך הזוז להניח בלגין. אָבער אז עס איז כלה פרוטה מין הכים, מעג שוין קומען משיח... „אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכים״.

ח

**נעשה אָדם** רש״י ד״א ומדת ענוה.

יאה עניותא לישראל כברזא סומקא לסוסיא חיורא. און נאָך מיין מיינונג איז, אז די תורה לערענט אונז אין די ווערטער „נעשה אָדם״, אז יעדער מענש וואָס העלפט בילדען און ערציהען מענ־שען, איז ער אזוי וויא „דין הדן דין אמת לאמיתו נעשה שותף להקב״ה במעשה בראשית, את הנפש אשר עשה בחרן, חרן: ר״ת חומר רוח נפש. א דאָקטאָר היילט דעם מענשען פיזיש, דעם חומר, דער רמב״ם ז״ל האָט געהיילט דעם מענשען פיזיש און גייסטיג. חמר רוח נשמה מען דארף העלפען דעם מענשען ער זאָל ניט אויסוואקסען קיין גולם.

א איד א רייזענדער האָט געבעטען דעם שמש פון מהר״ל׳ם שוהל אין פראג, אז ער זאָל איהם צייגען דעם ליימענעם גולם, האָט דער שמש איהם צוגעפיהרט צו א גרויסען שפיגעל, „קוקט

# תבת נח

זיך איין און איהר וועט זעהן דעם גרויסען וואונדער, דעם גולם״ דער איד האָט זיך גוט איינגעקוקט און זאָגט: „איך קען ניט זעהן דעם גולם, איך זעה נאָר זיך אליין, מעהר קיינעם ניט״. „דאָס איז ער דאָך, דער גולם״ האָט גענטפערט דער שמש. זיין נאָמען איז פילד ר״ת פתי יאמין לכל דבר.

ט

## ויברך אותם פרו ורבו ומלאו את הארץ.

איין אלטער מאן האָט חתונה געהאט מיט א מיידעל, זאָגט דער מסדר קדושין צו דעם פאָרעל: פרו ורבו!, און האָט זיך א קער געטאָהן צום גולם ווען ער האָט געענדיגט די ווערטער: „ומלאו את הארץ״.

י

פון די ווערטער „פרו ורבו״ פארשטעהען מיר אויך אז די תורה איז ניט איינשטימיג מיט דזשענעראל פראָהיבישאָן(בלע״ז) בלשון רום: „פרו״ ר״ת: פ-ערעד ר-יבי וו-אָדקא, אָדער פ-אָסרעדי ריבי וואָדקא, פאָסליע ריבי וואָדקא. — די תורה וויל אז דער מענש זאָל געניסען, און „וחי אחיך עמך״.

א גלח וועלכער איז געקומען אויף דער עלטער, האָט געזאָגט צו א רבי, דער רבי זאָל איהם לערנען תשובה טאָהן, ווייל ער איז געווען א געטויפטער. האָט ער געבראכט געלד לצדקה. האָט ביי איהם דער רבי די געלד ניט געוואָלט נעמען, זאָגענדיג צו איהם אז צדקה איז ר״ת בלע״ז: „צלאָוועק דאָברי קופויע האָרילקי״. ד. ה. ער זאָל ניט פרעדיגען קיין פראָהיבישאָן ווייל דאָס מאכט ארים א לאנד. אָבער צופיעל טרינקן טויג ניט, ורבו ומלאו אסך גלעזלעך פולע מיט יי״ש איז „ומלאו את הארץ״, וואלגערט מען זיך נאָכדעם אויף דער ערד.

ויין מיינט מען תורה. וחכך כיין הטוב, נכנס יין יצא סוד. יין גימ׳ סוד. די תורה האָט דאָך אין זיך די סעקרעטנע לעהרע. יין ר״ת ישרים, יראים, נביאים. כי לא יעשה אלקים דבר כי אם גלה סודו לעבדיו הנביאים. ואת ישרים סודו, סוד ה׳ ליראיו. גפן ר״ת געזונד, פרנסה נחת. לא יהיה בהם נגף, נאָר עס

## תבת נח

וועט זיין ג פ ן דער היפך פון נ ג ף. אזוי ווי עס שטעהט געשריבען: והנה הפך הנגע את עינו. דער עין פון נגע פאר־קערט, לייענט זיך „עונג״.

### יא

### מילי דבדיחותא.

פון גנבה קומט קיין גוטעס ניט ארויס. ווען גאָט האָט פאר־שלעפערט אָדם׳ן און צוגענומען פון איהם א ריפּ, וואָס איז ארויס געקומען? ואשה בכל אלה לא מצאתי, ניטא איינע א רעכטע, אָבער אין גמ׳ משל לאדם שלקחו ממנו קיתון של כסף ונתנו לו קיתון של זהב. ובנו לו עזר - בנין עדי־עד. מצא אשה מצא טוב. די פרוי וועלכע איז דאָ אין הויז ווען מען קומט אהיים, און מען דארף זי ניט ארומזוכען ביי די שכנים. עס איז ניט ומוצא אני, מען דארף ניט געהן זוכען זי. ד. ה. אז „מצא״ איז „טוב״.

### יב

**א ראיה** אז די **תורה איז אמת** אז גאָטט האָט באשאפען אדם׳ן פון דער ערד און ניט וויא דאַרווינ׳ס טעאָריע פון עוואָלו־שאָן פון מאַנקים. אז א פרוי קריעגט זיך מיט׳ן מאַן, שיקט זי איהם אין דער אדמה. מסתמא שיקט זי דאָך איהם פון וואנען ער קומט.

### יג

אחד מהעיקרים באמונה.

**בראשית**, אין די ערשטע 5 פסוקים איז דאָ א „בית״ מיט 4 „וואָוו״ען. דאָס איז גימ׳ 26. גאָטעס נאָמען. ער איז דער מחבר פון די אלע 5 חומשים.

# נח

## דרשה א.

## אפיעל פאר טשאריטי

### היינו, צדקה כפרת עון.

**מורי ורבותי!** דער פסוק „קנים תעשה את התיבה", לערענט אונז אויך די מדה פון צדקה. **התיבה** מיינט מען דעם סייף וואָס דו האָסט דאַרטען, די מזומן זאָלסטו מאכען דאַרטען קנים - רעהרען. קנים - א קאָנעקשאָן, צו גרייכען מיט הילף צו די אָרימע ברידער, מלשון קני המנורה. אזוי ווי נח האָט גע־שפייזט אלעמען אין קאַסטען. **וכפרת אותה** מלשון וכפר אדמתו, מבית ומחוץ: שרעק זיך ניט ברודער'שע, אז דו וועסט געבען צדקה וועט חו"ש דער קאסטען ווערען ליידיג. זעה אויף מבית ומחוץ די מזוזות אויף די טיהרען, איז דער נאָמען **שדי**, מי שאמר לעולמו די, ער וועט דיר געבען א ברכה, עד בלי די, בגמ' עד שיבלו שפתותיכם לומר די, בלע"ז מיינט „דאַי" גיב. ד.ה. דו וועסט מעהר ניט דארפען זאָגען „דאַי" נאָר וועסט האָבען פון אלעם גוטעס צו פיעל. „מבית" מיינט מען אויך די פרוי. ר' יוסי הגלילי האָט גערופען די פרוי „בית", און עס איז דאָ אין דער תורה: את יעקב איש וביתו" מיינט מען די פרויען. וגם כל כבודה בת מלך פנימה. און א פרוי איז דאָך „אשה עיניה צרה באורחים", זעה ערקלער איהר, דער פרוי, דער מבית, אז מחוץ, דער אָרימאן, ער שטעהט אין דרויסען. אז עס איז א רחמנות אויף איהם.

עס האָט אמאָל אין א קאלטער ווינטער-נאַכט איין אָרי־מאַן אָנגעקלונגען אין הויז ביי א גביר. „ברודער האָט רחמנות, לאָזט מיך אריין, איך ווער פארפרוירען פון קעלט". ווען א מענש האָט דורך געמאכט אזא זאך ווי נעכטיגען אין דרויסען אין א ווינטער נאַכט פון 25 גראד אונטער זירא, ווייסט ער וואָס

# תבת נח

עס מיינט ווען א מענש זאָגט: לאָזט מיך אריין, איך ווער פאר־פרוירען. אָבער דער גביר האָט זיך איבערגעדעקט מיט דער ווארימער קווילט איבער׳ן קאָפּ און געזאגט: עס איז א רחמנות! דער אָרימאן ווערט נעביך פארפרוירען פון קעלט! זאָגט די פרוי זיינע צו איהם: עפען די טיהר, אָדער איך וועל עפענען, „חלילה, זאָגט דער גביר, אויב מען וועט איהם אריין לאָזען וועט דאָך שוין ניט זיין מעהר אויף וועמען רחמנות צו האָבען״.

אין אזא לאגע זיינען אסך פון אונזערע שתדלנים, גבירים און קהל׳שע אונטערנעמער. זיי שרייען אלע „קאַראול! רחמנות אויף די אָרימע, און בלייבען ביי די רייד, אָבער זיי טוהען גאָרניט פאר דעם ישראל הנודד. נשיאים ורוח וגשם אין בלע״ז איז: „וועליקא חמאַרא מאַלעי דאָזשד״. אין דער נאכט, אין דער שווארצער נאַכט, וואנדערט ער דער זקן, דער אלטער, און זיינע ליפען פארטריקענטע, בעטען רחמנות. —

עס איז אמאָהל געוועזען אויפגעשריבען אויף א סאָסייטי ר״ת: י.ב.ג. א.ק.ג. יאָהרען לאנג האָט געדויערט ביז מען האָט זיך דערוואוסט אז דאָס מיינט: אידען ברענגען געלד, און קלוגע נעמען. אָדער איינער אזא טשאריטי טוהער האָט גענומען פון איין אָרימען גראָסערימאן א דאָלאר אויף צדקה. זאָגט דער גראָ־סערימאן: איך וואָלט געוואָלט אז פון מיין שוועהר פארהאָרע־וועטען דאָלאר זאָל האָטש אָנקומען צען סענט צו די אָרימע. איך ווייס דאָך אז עס איז דאָ אסך עקספענסעס. זאָגט דער קלייבער: טאָ גיט נאָך צען סענט.

זאָג דיין פרוי, דער מבית, דאָס וואָס ר׳ חנינאָ האָט געזאָגט צו זיין פרוי: כי אתא עניא אקדימי ליה ריפתא שבת קנא. ר׳ חנינא האָט געזאָגט צו זיין פרוי: אז עס קומט איין אָרימאן טראָג איהם אנטקעגען ברויט בכדי מען זאָל דיינע קינדער אויך אנטקעגען טראָגען ברויט. עס איז שוועהר צו פארשטעהן אז ר׳ חנינא האָט געדאַרפט נוצען אזא שרעקעדיגע אוים־שפּראכע. האָט דען ר׳ חנינא׳ס פרוי ניט געוואוסט אז מען דאַרף רחמנות האָבען אויף אָרימע? נאָך מעהר, א קשיה: אז

## תבת נח

זי פרעגט איהם: וואָס שילטסטו די קינדער? ענטפערט ער איהר אז עס איז א גלגל, א ראָד וואָס דרעהט זיך אזוי אז עס מוז קומען דערצו. וקשה: מיר האָבען דאָך געלערענט אז מלח ממון חסר (כתובות). די מפרשים זאָגען דאָרטען אז ווי קען מען איינזאלצען געלד אז מען איז פון איהם מחסר אויף צדקה. היינט ווי באלד אז זי וועט געבען צדקה דאַרף זי דאָך ניט ערוואַרטען אז איהרע קינדער וועלען זיין אָרימעלייט. נאָר דער ענטפער איז, אז זי זאָל ריידען גוטע רייד צום אָרימאַן איידער זי גיט איהם די רפתא קדים ליה. אז ניט צו וואָס איז דער קדים. און כדי צו קענען בארוהיגען דעם געמיטה פון דעם אָרימאַן מיט א פּאָר קורצע ווערטער, וואָס זאָל ווירקען, זאָלסטו איהם זאָגען אז: תנא דבי רבי ישמעאל בגלל, איז דער מיינונג גלגל, עס איז א ראָד וואס ער דרעהט זיך. אז ער וועט נאָך אמאָהל זיין רייך און וועט באַצאָהלען אז דו לייהסט עס איהם. צדקה איז אזוי ווי כבוד אב ואם. איינער קען געבען דעם טאַטען עסען געבראַטענע טויבען און אלטען וויין, נאר אז ער גיט עס ניט מיט רעספּעקט איז ער ניט יוצא. דער וואָס גיט צדקה מיט רוגזה אָדער ער האלט דעם אָרימאַן נידעריג איז ער ניט יוצא און דאָס איז דער פּשט פון „צדקה תרומם גוי, וחסד לאומים חטאת", ובגמ' ב"ב הנותן צדקה לעני מתברך בשש והמפיסו ב-י"א בגלל הדבר הזה - הזה גימ' י"ז, שש ואחד עשר. בגלל הדבר, צוליב די גוטע רייד וואָס דו וועסט ריידען צום ארימאַן, יברכך, וועט דיך גאָט בענשען.

### פירוש ורעיון ב' על „בגלל".

עס איז אמאָהל א בעל עגלה אריין געפאָרען מיט א שווע-רען וואָגען אין א בלאָטע. האָט דער בעל עגלה געקוקט צו די רעדער וועלכע האָבען אויסגעזעהן שוועהרע. נעמט ער אראָפּ איין ראָד און דעם צווייטען צו מאַכען לייכטער דעם וואָגען כדי ער זאָל איהם קענען ארויס שלעפּען פון זומפּ. אָט דאָס זאָגען די חז"ל: בגלל, עס איז א ראָד די צדקה. שלעפּט ניט אראָפּ די רעדער אויב איהר ווילט דורך פאָהרען דעם דרך החיים. דער לעבען איז א רייזע. האשה נקנית בשלשה דרכים און ניט

# תבת נח

בשלשה דברים. ווייל דער לעבען איז א דרך, א וועג.
אין דעם וועג פון לעבען דארף דער בעל צדקה, דער בעה"ב נאָכלויפען און זוכען צו העלפען אָרימע.

אין אלף-בית איז דער „גימל" מיינט גומל, און „דלית" מיינט דלים, און די פיסעלע פון גימעל איז אויסגעשטרעקט צום דלית און דער דלית איז אומגעקעהרט מיט'ן פלייצע, כדי ער זאָל דעם אָרימאן ניט צופיעל בעטראכטען אין פנים און זאָגען אז דער אָרימאן איז צו-געזונד. „ראו צוואר", זעה וואָס פאר א גראָבע האלז! „ראו שוקים" זעה וואָס פאר א לענדען! דאַן זאָגט דער באשעפער צום גביר: רשע! דו האָסט איהם גאָרניט געגעבען טאָ וואָס אָרט דיך אז איך האָב איהם געגעבען געזונד.

מבית ומחוץ, דער אָרימאן וואָס איז מחוץ גיב איהם שטילערהייד אין הויז און נישט בפרהסיא. זיי ניט מתכבד בקלון חברו. די תנאים זאָגען אז אריכות ימים קען מען האָבען אויב מען איז ניט מתכבד בקלון חברו.

עס האָט אמאָהל א קארגער גביר געוואָלט אדווערטייזען זיך פאר א בעל צדקה, האָט ער געגעבען צו איין אָרימע אלמנה א דאָלאר אין גאַס. האָט די אלמנה ארויסגעכאַפּט פון איהם דעם פייפער. פרעגט מען די פרוי: פארוואָס? ענטפערט זי אז ער האָט געגעבען וועט ער דאָך וועלען מסתמא אז זיין נאָמען מיט א פאָטאָגראפיע זאָל זיין אין פייפער — אָבער אז איינער גיט געלד אויף צדקה און זאגט: איך גיב כדי מיין זוהן זאָל געזונד זיין, איז ער א צדיק. ווייל צדיק איז גימ' רד. און צדקה, ווען מען גיט מיט'ן פולען האַנד, מיט אלע פינף פינגער, איז אויך רד. די זעלבע גימ'. ביי צדקה געבען קען מען אויספּרובירען אויב עס העלפט כתוב ובחנוני בזאת, ניט העלפט א האלבע נאָר טאָקע עס מוז העלפען, ווען מען וויל געהאָלפען ווערען, אזוי ווי א רבי האָט געטייטשט: תפלה עושה מחצה, ניט העלפט—האלב, נאָר אז מען טוהט תפלה צום באשעפער, דעם עושה, מוז עס העלפען. געוועהנליך, ווען אזא תפלה איז בצדק אָקאָמפּנירט מיט צדקה, ווארום אזוי טאָר מען ניט פּראבירען

גאָט. ניט ווי די קמצנים טהוען בצדק, עפ"י ר"ת ביז צו דער קעשענע.

## דרשה ב.

## צדיקים במיתתן קרויים חיים.

**וימת תרח בחרן**, רש"י, לכך הקדים מיתתו של אברהם שלא יאמרו לא קיים אברהם אבינו כיבוד אביו שהניחו והלך לו, וזקן היה, לפיכך קראו הכ' מת, שהרשעים בחייהם קרויים מתים וצדיקים אף במיתתן קרויים חיים.

**מורי ורבותי!** רש"י זאָגט דאָ אויפ'ן פסוק: וימת תרח, אז ער איז ניט געשטאָרבען, נאָר מחמת ער איז א רשע, און א רשע איז טוידט אפילו ווען ער לעבט. אָט דערפאר האָט אברהם אבינו געמעגט אוועקגעהן פון איהם חאָטש ער איז זיין אלטער פאָטער. איז דאָך א קשיה: די גמ' אין קדושין, ל"א, זאָגט דאָך מכבדו בחייו ומכבדו במותו, איז דאָך אפילו א טויטען טאַטען דארף מען אָפּגעבען כבוד, ספּעציעל ווען ער איז ניט טוידט, נאָר ער ווערט אָנגערופען טוידט. מיר גיבען דאָך אָפּ כבוד אונזערע עלטערען ווען זיי זיינען טוידט, מיר זאָגען קדיש, א.ז.וו. אָט דאָ, מיינע פריינד, איז טאַקע א פראַגע: צו וואָס דארף מען עס אָפּגעבען כבוד טוידטע מענשען? וואָס פאר א זינען האָט עס? דער טויטער פיהלט דען עפּיס? עס איז אזוי ווי איין אינ־שורענס מאַן האָט צוגערעדט א מענשען אז ער זאָל נעמען א פּאָליסי. וואָס וועל איך האָבען דערפון? פרעגט דער מאַן. „נאָך'ן טוידט איז דאָ פינף טויזענד דאָלאר", ענטפערט דער אינשורענס אגענט, און זינגט איהם אָפּ א סאָנג: יו געט איי פּאַי אין די סקאַי עפטער יו דאַי איף יו באַי אינשורענס... וואָס איז דער שכל פון צערעמאָניעס מיט'ן טויטען, אָט דאָס וואָלטען פיעלע וועלען וויסען. דער ענטפער איז פשוט, ווי רש"י ענדיגט דאָרטען: וצדיקים אף במיתתן קרויים חיים, ד"ה, די גוטע זאכען וועלכע דער גוטער מענש האָט אויפגעטאָהן ווען ער לעבט, לעבט עס נאָך זיין טוידט אויך. דער גוטער אָנדענק איז איין אייביגקייט. „הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד, (תהלים קי"ב). די

רייכטימער לאָזט א מענש איבער אין הויז ווען ער שטאַרבט, אָבער די צדקה איז איין אייביגקייט. „את העני" דאָס וואָס ער האָט געגעבען דעם אָרימאַן, עמך, דאָס נעמט ער מיט זיך. אָט דערפאר גיבען מיר אָפּ כבוד די טויטע וועלכע זיינען ביי אונז פאררעכענט פאר לעבעדיגע. אָבער דער וואָס איז ניט קיין גוטער מענש און איז ניט פאררעכענט פאר א לעבעדיגען האָט דאָך ניט קיין זינען צו אָפּגעבען אזא מענשען כבוד.

ווען איינער א ספדן האָט באקלאָגט א טויטען האָבען די קינדער ניט געוויינט, האָט דער ספדן גענומען קלאַפּען מיט דער צדקה פושקע: אידען גיט צדקה! האָבען דאַן די קינדער אָנ־געפאנגען שטאַרק וויינען. פרעגט מען זיי: ווארום יעצט? האָבען זיי געענטפערט אז זיי האָבען ניט געגלויבט אז זייער פאָטער איז טוידט, עס איז אזוי פלוצלינג געקומען. נאָר אז מען קלאַפּט מיט דער פושקע פאר צדקה, און ער אנטלויפט ניט, דאַן איז זיכער אז ער איז טויט.

## דרשה ג.

## אמונה מיט מענשליכקייט

**וכפרת אותה בכופר.** דער וואָס וויל ניט טאָהן קיין צדקה איז א כופר, איין אפיקורס. ער גלויבט ניט אין דער תורה. **נתון תתן** תן לו משלו שאתה ושלך שלו,, און — עשר בשביל שתתעשר. נתון תתן ברש"י אפילו הונדערט מאָהל - מאה — מיר קענען עס פארשטעהן מיט א לאָגישען וועג: ווייל ווען ער גיט צדקה ווערט ער דאָך געהאָלפען, הייסט דאָך אז דער אָרימאַן האָט דאָך ביי איהם שוין פארדיענט, אויף דער צו־קונפט אז ער זאָל איהם געבען, אָט דאָס איז דער פשט פון „שכר מצוה", מצוה, אז ער טוהט א מצוה קריגט ער דאָך שכר (פ"ק אבות) איז גאָט זעהר צופרידען וואָס דער מענש האָט ביי איהם פארדיענט שכר, דערמיט האָט ער דאָך פארשאַפט א נחת רוח צו גאָט, האָט ער דערפאר אליין א מצוה, ואין שיעור לדבר. כמו כן נתון איז תתן, אָן א שיעור.

אויפ'ן גרעניץ ביי הוסאטין האָט די מלוכה אריין גע־

שטעלט צו א אידען אין הויז א קאַזאַק, ער זאָל איהם אויפ־האַלטען א פּאָר טעג. דער קאַזאַק פלעגט דריי מאָהל א טאָג שרייען זעהר הויך: קושאט, יעוורעי! דער קרעטשמאר מיט זיין פאמיליע פלעגען זיך איבערשרעקען פון זיין געשריי. איז ער אוועק צו דעם הוסיאטינער רבי באקלאָגען זיך און בעטען אז דער רבי זאָל מתפלל זיין ער זאָל מעהר ניט קענען שרייען. האָט איהם דער רבי געזאָגט: אז ער קען עס ניט אָפּשטעלען. ווייל א קול פון הימעל רעדט און זאָגט: ווען דו וואָלסט געוועזן געבען א אידען עסען וואָלסטו דעם קאַזאַק ניט געדאַרפט געבען עסען. הלא פרום לרעב לחמך. און אויב ניט וועט אויף דיר מקוים ווערען דער אנדער האלבער פסוק: ועניים מרודים תביא ביתך.

איך בין אמאָהל געגאנגען אין גאס זעה איך ווי פון א הויז געהט ארויס א דאָקטאָר און רעדט צו זיך אליין: א שאָד, א שאָד! צו שפעט בין איך געקומען! פרעג איך דעם דאָקטאָר: וואָס חלילה, וואָס האָט דאָ פאסירט? דער חולה פיהלט שוין בעסער, ענטפערט מיר דער דאָקטאָר, איך בין געקומען צו־שפעט. — עס ווייזט אויס אז יענער חולה האָט געגעבען אידען עסען, האָט ער ניט געדאַרפט געבען א קאַזאַק עסען. עניים מרודים.

## מאמרים קצרים מאנשי סדום וכתות שונות

**את האלקים התהלך נח**, דאָס איז ניט קיין מעלה געוועזען. (רש"י) היה צריך סעד. עס זיינען מיר פארגעקומען אזוינע אידען וועלכע האָבען זיך באריהמט פאר מיר אז יו"כ זיצען זיי א גאנצען טאָג אויף איין אָרט אין שוהל און געהען גאָרניט ארויס פאר א מינוט. ליידער האָב איך אָבער ניט געזעהן פון יענע אידען קיין צדקה.

**קוראפּאַטקין** האָט אמאָהל געמאכט איין אפיעל צווישען די פויערים פאר געלד אויף אמיוניציע, מען זאָל קענען געווינען די מלחמה. האָבען זיך די פויערים אָפּגערופען 50 און 100 און ז. וו. ווען עס איז אָבער געקומען צום באצאָהלען האָבען זיי געענטפערט, אז זיי זיינען טאַקע שולדיג, וועלען זיי אָפּזיצען אין טורמע, ווי מען זיצט אָפּ פאר יעדער דאָלאר א טאָג. זעהט־זשע

# תבת נח

מיינע פריינד, זיצט ניט אָפּ פאר צדקה. זייט ניט „את האלקים התהלך״.

די **אנשי סדום** זיינען געווען קלוגע. די גמרא זאָגט, זיי האָבען זיך געקליגעגט ווי אזוי פּטור צו ווערען פון די אָרימע לייט פון די פרעמדע. בואו ונשכח תורת רגל מארצנו, (סנהדרין) בלע״ז, דורען דאיע׳ א ראַזומנע בערע׳. זיי האָבען געזאָגט אז א נאַר גיט און קלוגע נעמען. אָבער ביי אונז אין תורה איז געשריבען: ויקחו לי תרומה. ד. ה. אז דער נאַר דענקט אז ער גיט אָבער דער קלוגער ווייסט אז מען גיט צדקה נעמט מען דערמיט עשירות. און די אנשי סדום מיט די פּויערים, האָבעןביידע קיין שכל ניט געהאַט.

עס איז דאָ דריי קלאסען צדקה: זהב, כסף, נחשת. זהב ר״ת זה הנותן בריא. כסף, בלע״ז כטאָ סמיערט פּאַדאַוויט, בלה״ק, כשיש סכנה פודה, און נחשת, בלע״ז ר״ת: ניע-דאַם חאָטש שעיו תניע. (איך גיב ניט חאָטש זעג מיר דעם האלז). און אין לה״ק איז דער ר״ת פון נחשת: נתינת חלה שיאמר תנו, ד. ה. ער אליין קען שוין ניט געבען נאָר ער הייסט די קינדער זיי זאָלען געבען. זעהט ווי עס שטימט די שפּראך פון דעם תנ״ך מיט דעם בלע״ז.

# לך לך

## דרשה א.

## מכל מלמדי השכלתי

לך לך, כתוב ומלכי צדק מלך שלום הוציא לחם ויין והוא כהן לאל עליון ויברכהו ויאמר: ווארום זאָגט ניט די תורה פריהער ווער מלכי צדק איז, אלע זיינע באשעפטיגונגען צוזאַמען און נאָכדעם וואָס ער האָט דאָ יעצט געטאָהן ביי דער געלעגענהייט, „ומלכי צדק מלך שלום, כהן לאל עליון הוציא לחם ויין ויברכהו ויאמר. די תורה טהיילט פאנאנדער צווישען זיינע פראָפעסיאָנען און אויך צווישען דער ארבייט וואָס ער האָט דאָ געטאָהן אין יעצטיגען מאָמענט.

מורי ורבותי! אָט דאָ לערנען מיר פון דער תורה אז יעדער מענש זאָל זיך לערנען גוטע מדות פון די מענשען וואָס ער באגעגענט, דער מענש זאָל אויסנוצען אזעלכע געלעגענהייטען, ווייל מ"ד מצעדי גבר כוננו, ומכל מלמדי השכלתי, און מלכי צדק האָט ארוים געלערענט, אָט דאָס מיינט הוציא, פון א"א דעם גאָלדענעם כאראקטער פון רחמנות, און הכנסת אורחים בלחם ויין, האָטש א קייסער און בעל צדקה, איז געבען א ברכה אויך פאַסיג. „אל תהא ברכת הדיוט קלה בעיניך, ק"ו א כהן. „ברוך תהיה מכל העמים" די ברכה פון א גוי איז אויך א ברכה. — דער אלטער ווי מיר האָבען איהם גערופען אין סלאָבאָדקע, ר' נאָטע-הירש נתן-צבי פינקעל ז"ל, האָט אמאָהל שבת אין דער פריה, ווען די גוי'ע האָט געקריגען א שטיקעל חלה פאר דעם אראָפנעמען די לייכטער פון טיש האָט געזאָגט: „באָך פאָמאָזשע. (בלע"ז) וועלכעס מיינט: גאָט זאָל העלפען, האָט ער געענטפערט: אָמן. ווייל „ברוך תהיה מכל העמים", די ברכה פון אלע פעלקער איז א ברכה.

א שמייכעל צייגט זיך אויף מיינע ליפען ווען איך דערמאַן

# תבת נח

זיך אז א דאָקטאָר האָט מען ביי אונז אין שוהל געפרעגט צו מען זאָל איהם מאכען א „מי שברך" האָט ער זיך אביסעל פאר־טראכט און געפרעגט אויב דאָס איז עקסטוירנאל. אויב עס איז עקסטוירנאל, טאָ מאַכט וואָס איהר ווילט און פארשטעהט אם בעסטען, האָט ער געענטפערט. — מיר דארפען לערנען איינער פון צווייטען. דאָס לערנען מיר דאָ אין דעם פסוק. די גמרא אין חגיגה ט"ז זאָגט אז ר' מאיר האָט געלערענט תורה פון אחר'ן ווען אחר היה רוכב על סוס בשבת.

מיינע פריינדע! זעהט באטראכט אין היינטיגע מאָדערנע צייטען ווען מיר זעהען א רבאי, א שוחט, א חזן, א היברו טי־טשער אָדער א כשר'ער בוטשער, פאָהרט אום שבת, וואָלטען מיר דאָך געוויס מיט איהם ניט האנדלען מיט צוטרוי, און ר' מאיר דער גרויסער לערנער וואָס מאכט ליכטיג די אויגען פון די חכמים אין הלכה, ער לערענט תורה און געהט נאָך לערנען תורה פון אחר'ן ווען יענער פאָהרט אום שבת. פרעגט טאַקע די גמרא: ורבי מאיר היכי גמר תורה מאחר? און ענטפערט אז: תוכו אכל וקליפתו זרק. ד. ה. די גוטע זאכען האָט ער גע־לערענט אָבער די שלעכטע מעשים די קליפה, האָט ער אוועק געווארפען. ווארום־זשע, גיט די גמרא גראדע א משל פון א מילגרוים און זאָגט אז די אינוועניגסטע האָט ער געגעסען און נאָכדעם די שאָלעכץ אוועקגעוואָרפען. די מעהרסטע פרובט עסט מען דאָך נאָכדעם וואָס מען האָט די קליפה אוועק געוואר־פען, האָט ער דאָך געדאַרפט זאָגען פריהער קליפתו זרק ותוכו אָכל, איז דער ענטפער אז ווען איינער איז זעהר הונגעריג און מען גיט איהם עסען א זאך מיט א שאָלעכץ חאַפּט ער עס אין מויל און דערנאָך ווארפט ער ארוים די שאָלעכץ, אזוי ווי נאָך'ן תענית ט"ו כסלו, ווען חברה קדישא עסט געבאַקענע פּאַטייר־טאָס קען מען דאָך ניט מאכען קיין שהיות, נאָר מען חאַפּט און מען שלינגט, חטוף ואכול, חברה קדישא ווייסט דאָך זיכער אז האי עלמא כבי הלולא דמי, שלינגט מען לכתחילה מיט דער שאָלעכץ נאָר נאָכדעם ווארפט מען ארוים די שאָלעכץ, אזוי, מיינע פריינד, האָט ר' מאיר געשלונגען אין דאָרשט די תורה

# תבת נח

„תוכו אָכל" ער האָט אלעס אריין געהאַפּט אין מויל און ערשט נאָכדעם האָט ער די קליפּה אוועק געווארפען דערפאר איז דער משל פון א רמון, ווייל מלאה מצות כרמון, ווען מען עסט א פּרוכט פול מיט זאפט איז ראַטהזאם אריין נעמען אין מויל מיט די שאָלעכץ בכדי ניט פארלירען דעם זאפט, און נאָכדעם ארויס ווארפען די קליפּה.

און דערפאר האָט ער דערגרייכט צום נאָמען ר' מאיר. (גמ' עירובין י"ג ע"ב) תנא לא ר' מאיר שמו אלא ר' נהוראי, ולמה נקרא שמו ר' מאיר, שהוא מאיר עיני חכמים בהלכה, (מהרש"א) וגם שלא היו חבריו עומדין על סוף דעתו ואין הלכה כמותו. מ"מ מגלה פנים וטעמים לשני הצדדין ובזה היה מאיר להכריע אח"כ אמת לאמתו.

אייגענטליך איז דאָרטען דארף מען פארשטעהן דעם אונ-טערשיעד פון ר' נהוראי ביז ר' מאיר. נהוראי איז דאָך אויך דער פשט „לייכטען" נאָר אויב זיין נאָמען איז געווען נאַטיר-ליך נהוראי האָט איהם די וועלט געגעבען א נאָמען נאָך זיין פארדיענסט נאָך. צוויי נעמען האָט דער מענש. איין נאָמען וועלכען מען גיט עם אלם קינד, און דעם צווייטען נאָמען גיט איהם די וועלט נאָך זיינע מעשים נאָך, און דעם נאָמען מיינט מען טוב. שם טוב משמן טוב. מען קען עס אויך ענטפערען אז ר' נהוראי איז ניט לשון הקדש, ניט דער לשון המשנה, ד.ה. פריהער איז ער געווען נאָר א באלייכטענדע קראַפט צו דעם געוועהנליכען פאָלק אָבער נאָכדעם האָט ער דערגרייכט צו באלייכטען די חכמים, ר' מאיר בלשון המשנה.

מיר קענען אויך זאָגען אז די ווערטער „תוכו אָכל" דריקען אוים דעם געדאנק אז ר' מאיר האָט פארשטאַנען זיין רבי'ן אז אינווייניג איז ער א מתחרט, א בעל תשובה (אם ראית ת"ח שעבר עבירה, אל תהרהר אחריו בלילה שמא עשה תשובה ודאי עשה תשובה), בלילה, די נאַכט פון גלות איז די אורזאכע פארוואָס תלמידי חכמים באגעהען אונריכטיגע זאכען, מחמס אחיך יעקב תכסך בושה. ווען יעקב טוהט אונרעכט דארף זיך

עשו שעהמען, דאָס איז די אורזאכע פון גלות, וואָס ברענגט יעקב׳ן צו חמס ר״ל. און אזוי האָט רבי מאיר פארשטאנען זיין רבי׳ן, און ער האָט געשלונגען זיין תורה אין דורשט, אזוי ווי מען טרינקט וואסער ניט ווי מען עסט. ווייל עסען צוקייעט מען און וואסער טרינקט מען אזוי ווי זי איז. ניין, איך בין מגזם, אוים ליעבשאפט צו דער תורה, אָבער ר׳ מאיר האָט ניט מקיים געווען שותה בצמא אָן א שנוי נאָר ביי איהם איז עס געוועזען אכל וקליפתו זרק. ער האָט משנה געווען פון רבי׳ן. חאָטש דער תוך פון זיין רבי׳ן איז געווען זעהר גוט. והוי שותה בצמא האָט ער ניט געקענט מקיים זיין.

**דער גאנצער צוועק** פון אברהם׳ס וואנדערען איז געווען אליין צו לערנען און צו פארשפרייטען לעהרע. עדיוקיישאָן. „גדול הלמוד, שהלמוד מביא לידי מעשה” עס טרעפט אמאָהל אז דער למדן איז ניט קיין גוטער מענש, ער ווערט אָנגערופען א „נאָה דורש ואין נאָה מקיים”, (בלע״ז) — פאָפ ליודעי קאָראַיע אָ סאָם ליכאָ ראָביע. אָבער דער ענגלישער זאָגט: „דו עס אַי
"Do as I preach, don't do as I do".
פריטש, דאָנ״ט דו עס אַי דו”. אזוי ווי א דאָקטאָר הייסט דעם קראנקען ער זאָל ניט רויכערען און טרינקען, חאָטש ער אליין טרינקט און רויכערט, אָבער ער זאָגט דעם קראנקען אלעס וואָס איז פאר זיין טובה וועגען.

דער גער׳ער רבי האָט אמאָהל געטראָפען זיינע פרושים טרינקען לחיים, „וואָס איז דאָס?” האָט דער רבי געפרעגט. „גאנץ פשוט”, האָבען זיי געענטפערט, „מיר האָבען אָפּגעלערענט די גמרא בבא מציעא”. „זעהר גוט”, האָט דער רבי געענטפערט, „אָבער וואָס האָט די גמרא אייך געלערענט?” — רבותי, איך וואָלט אייך וועלען פרעגען אָט דאָ אין אמעריקא ווילען די תלמידים אויך אזוי לערנען? ניין, געווים ניט! דאָ שפּילען דריי אין בעהעלטעניש. די מאַמע, בעהאלט זיך ווען מען קומט קאָלעקטען שכר למוד. דער טיטשער בעהאלט זיך ווען מען קומט פארהערען דעם אינגעל, און דער אינגעל בעהאלט זיך ווען ער דארף געהן אין חדר. אָט זעהט איהר, א בר מצוה, דאָס

ווערט דאָ געפּראוועט מיט גרויס פּאראד. וואָרום? דער ענטפער איז: אין א גרויסען טעאטער האָט מען געציינגט ווי א קופּערנער האָהן קרעהט. זיינען געשטאַנען טויזענדער מענשען אין ליין אין דרויסען צו קריגען א געלעגענהייט צו זעהן דעם וואונדער, און זיי האָבען באצאָהלט גוטע געלד דערפאר. זאָגט איינער א בוטשער אז ער פארשטעהט ניט אזא נאַרישקייט, ער קען צייגען לעבעדיגע הענער קרעהען פאר גאָרניט. „שוטה", האָט מען איהם געזאָגט, „עס איז דאָך ניט קיין וואונדער צו הערען א לע-בעדיגען האָן קרעהען. אָבער א קופּערנער האָן קרעהט, דאָס איז שוין יאָ א וואונדער!"

דאָס אלעס וואָס איך האָב דאָ גערעדט איז וועגען למוד פון קינדער. ע"כ.

אויב איהר ווילט וויסען מיין מיינונג וועגען דערוואקסע-נע מענשען אויב זיי קענען נאָך לערנען, ווייסט איהר דאָך אז ר' עקיבאָ איז געווען איין ע"ה און געזאָגט: „מי יתן לי ת"ח ואנשכנו כחמור". און נאָכדעם איז ער געוואָרען א גרויסער לערנער און האָט גע'דרש'נט: „את ד' אלקיך תירא, לרבות ת"ח". ד. ה. אז דער וואָס וויל לערנען איז קיינמאָהל ניט צו שפּעט.

מיר זיינען אמאָהל געוועזען ביי איין אינסטאלליישאָן צע-רעמאָניע, דריי רבנים, איינער איין עסטרייכישער רב. דער עסטרייכישער האָט געדרש'נט בעסער און מיט מעהר אינטערעס פון אונז אלעמען. פרעגט איינער, ווי קומט עס אז ער קען נאָך בעסער פון די ליטוואקעס? האָט ער געענטפערט אז ער האָט געלערענט אין א ווילנער ש"ס, ד. ה. אז ער האָט געוואָלט לערנען, דערפאר קען ער.

דער גראָבער מענש האָט פיינט איין געלערענטען. אזוי האָט ר"ע דערצעהלט פון זיין אייגענער ערפאהרונג, עס איז אמאָהל געווען א איד האָט ער פיינט געהאַט דריי זאכען א יארמאָלקע, זיין שוועהר און זויער מילך. איין מאָהל איז ער אָנגעקומען און האָט געטראָפען זיין שוועהר זיצט אין א יארמאָלקע און טרינקט

# תבת נח

זויער מילך, אלעם מיט איין מאָהל, האָט ער גע׳חלש׳ט.

עס זיינען אויך דאָ האלבע לומדים, ד. ה. א קלאַסס מענ־שען וואָס האלטען זיך אז זיי קענען שוין גענוג און ווילען פון קיינעם ניט לערנען. די לייטע זיינען נאָך ערגער.

א קליין־שטעטעלדיגער רב איז געקומען צום רב הכולל אין לאָנדאָן, הרב אדלער, האָט ער געהאלטען אין איין ריידען אָן א אויפהער, און דער רב הכולל האָט ניט געקענט אויסריידען זיין אייגענעם א וואָרט, נאָכדעם זאָגט ער צום רב אדלער, איך האָב אייך געוואָלט איבערדערצעהלען א וויץ וואָס איך האָב געהערט פון דעם מאָסקוועד רב אליין פנים אל פנים. „עס איז ניט אמת״ האָט אויסגעשריען הרב אדלער, „ווארום גלויבט איהר ניט?״ פרעגט דער קליין שטעדטעלדיגער רב. „אז איהר האלט דורך אוים אין איין ריידען, קען דאָך אייך קיינער גאָר ניט זאָגען״, האָט געענטפערט דער רב הכולל.

## דער דין פון פלייש זאלצען.

בדיעבד, אז עס איז געליגען איין חתיכה אויף דער צווייטער איז כשר, ווייל איידי דטריד למיפלט לא בלעי, ווייל ווען עס האלט אין ארוים ברענגען די דם פון זיך קען עס דאן ניט איינ־זאַפּען. אזוי איז די יעצטיגע צייט. אלע זיינען פעדאגאָגען. אלע רעדנער. עס זיינען ניטאָ קיין תלמידים. גאָט האָט דאָך באשאפען דעם פי האתון, דעם מויל פון אייזעל, ע״ש בין השמשות, כדי די איבריגע חמורים זאָלען ניט אויך וועלען האָבען גרויסע מיילער. ווייל עס איז באלד געוואָרען שבת און דאָס אלעס. ווייזט אוים אז די היינטיגע קענען ניט קיין פרק אבות.

# דרשה ב.

## פארביטענע מעשים

ווארום איז ער מפסיק צווישען „מלכי צדק מלך שלם״ ביז די ווערטער „והוא כהן״ מיט די ווערטער „לחם ויין״.

**מורי ורבותי!** די תורה וויל אונז לערנען אז דאָס וואָס

# תבת נח

ער האָט ארוים געטראָגען לחם וויין האָט ער דאָס אלעס געטאָהן ווייל ער איז א קייסר. ווייל עס טרעפט אָפט אז דאָ איז אלעס פארקעהרט. בענשען דארף בענשען א כהן. און אזוי זאָגט די תורה אז אלס כהן האָט ער איהם אויך געבענשט. מיר געפינען אָבער אמאָהל אז די רייכע לייטע הויבען אָן זאָגען תהילים, מעמדות זיי גיבען שלום צו אורחים ווייל ביי שלום עליכם אין קבלת שבת איז דא א ג"פ, וועלכעס זיי טייטשען (בלע"ז) געלד פּאָוואָלי. עס זיינען דאָ איינינע וועלכע ווערען מרביצי תורה און לערנען פאר'ן עולם, אָבער קיין צדקה טוהען זיי ניט. אָט דאָס איז א צרה. די וועלט זאָגט „שוסטער האלט זיך ביי דיין דראטווע", אחוז במלאכתך, — ווי איז אָבער פארקעהרט, ווען דער רב וויל טאָהן צדקה? איז עס גוט. ווייל דער רבש"ע פיהרט די וועלט מדה כנגד מדה, ד' צלך על יד ימינך. איז אויב ער טוהט שלעכטעס באצאָהלט מען איהם כמדה אָבער פאר גוטעס באַצאָהלט מען איהם פיעל מעהר ווי ער טוהט. מדה טובה מרובה ממדת פורעניות, און יעצט לאָמיר זעהן אז אויב ער מאכט זיך פאר א הינקענדיגען אָדער א בלינדען שטאַרבט ער ניט ביז וואנען ער ווערט בלינד אָדער הינקענדיג, היינט אז ער איז אליין א נעמער און דאָך שטרענגט ער זיך אָן און גיט, מוז ער געווים ווערען רייך ער זאָל קענען געבען. ד. ה. אז א נעמער וויל ווערען א געבער, ווערט ער א געבער. אָט דאָס איז דער פשט פון „אם הימין אשמאילה, ואם השמאל אז אימינה", אויב דו וועסט טייטשען פון די ווערטער עשר תעשר, דעם עשר אויף רעכטס, דאָס הייסט עשיר, דו ווילסט קארגען די עשירות וועל איך דיר געבען כמדה אויף לינקס און געבען דיר תעשר, א צענט-חלק, אויב אָבער דו וועסט טייטשען עשר לינקס, ד. ה. דו וועסט געבען מעשר פון אלעס וועל איך טהאָן מעהר, איך וועל געהן רעכטס און מאכען דיך תעשר, פאר איין עשיר.

# תבת נח

## דרשה ג.

## ער מיינט ניט די הגדה

וילך אברם כאשר דבר אליו ד׳ וילך אתו לוט, ואברם בן חמש שנים ושבעים שנה. דער פסוק איז מפסיק צווישען אברם ביז ואברם בן חמש שנים ושבעים שנה מיט — „וילך אתו לוט״. — עס האָט אמאָהל א ישיבה בחור געשריבען זיינע אייגענע תנאים מיט זיין כלה וועלכע איז געווען ניט קיין שעהנע, אָבער ער האָט גענומען 15 טויזענד דאָלאר נדן. שרייבט ער: הבחור החתן ישא למז״ט ט״ו אלפים נדן. שרייט אויף איהם דער ראש הישיבה אגב חריפתא שבשתא! די ערשטע זאך שרייב הבחור החתן ישא למז״ט פב״פ! ניין, ניין, רבי׳ניו! האָט געענטפערט דער בחור ביי מיר איז די געלד די ערשטע זאך, דאָס איז דער עיקר! אָט דיזער געדאנק איז דאָ אויסגעשפּראָכען געוואָרען אין דער תורה אז אברם איז געגאנגען. דער עיקר ווייל גאָט הייסט איהם, אָבער לוט געהט אויך, נאָר צוליעב וואָס? צוליעב דעם וואָס אברם איז אַלט 75 יאָהר. ער לייגט איין אויג אויף דער ירושה פון רייכען אָנקעל.

א רייכער איד האָט געהאט פינף טעכטער, האָט איהם איינער רעקאָמענדירט זעהר א שעהנעם באָי א גראָטענעם, דער גביר האָט זעהר געגליכען דעם באָי, ער האָט אָבער ניט געוואוסט פאר וועלכער טאָכטער איהם פאָרצושטעלען. ער האָט געווים איהם געוואָלט פאר דער עלטערער, ער האָט אָבער מורא געהאט טאָמער וועט ער דערזעהן די עלטערע וועט ער אוועק געהן מיט גאָרניט. האָט ער זיך אָנגערופען צום באָי: הער מיין זוהן דעם אמת. איך האָב פינף טעכטער, און איך וויל דיך זעהר שטארק פאר מיין זוהן, ד. ה. איידים. אלזאָ אויב דו ווילסט די יונגסטע קריגסטו פינף טויזענד נדן, די נעקסטע, צעהן טויזענד, די דריטע פונפצעהן טויזענד, די פיערטע, צוואנציג טויזענד, און אויב דו ווילסט די פינפטע קריגסטו פינף-און-צוואנציג טויזענד. זאָגט דער חתן: „מחותן לעבען! אפשר האָט איהר נאָך איין עלטערע, פיליכט א זעקסטע אָדער אפילו א זיבעטע. אָט אזא חתן איז געווען לוט, דער עלטער זיידע פון בלק מלך מואָב.

# תבת נח

## דרשה ד.
## צדיק גוזר והקב״ה מקיים

**ברוך אברם** לאל עליון, קונה שמים וארץ. צו וואָס דאַרף ער נאָך אויסרעכנען אז דער רבש״ע איז א קונה שמים וארץ? וואָס פאר שייכות האָט עס מיט דער ברכה וואָס ער בענשט אברם׳ן? נאָר ווייל די גמ׳ אין ברכות זאָגט אז לאחר ברכה איז הארץ נתן לב״א, ולא קשיה קראי שכתוב אחד אמר לד׳ הארץ כי כאן קדם ברכה. און איך וואָלט געזאָגט דעם פשט אין פסוק: השמים, וואָס איז שמים, לד׳ והארץ, איז אלעס הן דער הימעל און הן די ערד נתן לבני אָדם לאחר ברכה. און אז אברם בענשט גאָטט און ער איז איין צדיק איז ער דאָך לאחר ברכה, איז ער דער בעה״ב איבער השמים והארץ. אָט דאָס איז דער פשט פון: ברוך אברם לאל עליון. ווייל אברם איז א קונה שמים וארץ ממילא איז הצדיק גוזר והקב״ה מקיים. ווייל דער צדיק איז בעה״ב. ליידער איז אין היינטיגען דור יתום, גאָט בעה״ב, ניטאָ ווער עס זאָל איהם זאָגען א דעה. אָט אזוי טייטשט מען אויך די גמרא: משמת ר׳ מאיר בטלו מושלי משלים. זיינען ניטא קיין צדיקים וואָס געוועלטיגען איבער׳ן משלים, גאָט דער מושל הכל. אין דער גמ׳ ערובין, לא ר׳ מאיר אלא ר׳ נהוראי וכו׳. אלא ר׳ נחמיה, ואמרי אלעזר בן ערך. דאָס איז אלעזר בן ערך אויף וועלכען ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געזאָגט: רואה אני את דברי אלעזר בן ערך מדבריכם, און אויף וועלכען ער האָט געזאָגט: כמעין המתגבר. און אבאָ שאול זאָגט, אז ער וועגט אלעמען אריבער, דאָס איז דאָך ר׳ מאיר, וועלכער זאָגט דאָ אין פק׳ אב׳ אז לב טוב איז דער עיקר. ער איז געוועזן בעה״ב איבער גאָט.

## דרשה ה.
## אברהם׳ס נסיונות

**מורי ורבותי!** כתוב, לך לך מארצך ממולדתך ומבית אביך ואעשך לגוי גדול ואברכך, ואגדלה שמך והיה ברכה. עס איז דאָך א נסיון, טאָ ווי באלד אז גאָט זאָגט איהם צו די אלע גוטע זאכען און פראָטעקשאָן איז דאָך שוין ניט קיין נסיון,

# תבת נח

נאָר ווען אברהם פרעדיגט אָט די אלע גוטע זאכען אין דעם אָרט וואָס מען ווייסט ווער ער איז, און זיין פּאָטער, איז דאָך געווען א מקורב למלכות, איז עס ניט קיין גרויסער וואונדער אז מען וואָלט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד מיט רעספּעקט. אָט דאָס איז דער גרויסער נסיון וואָס ער דאַרף געהן אין ווייטע פרעמדע לענדער, צווישען די עובדי ע"ז, און איינשטעלען זיין לעבען אין סכנה צו ארונטער רייסען די פאַלשע מענשען מיט די פאַלשע געטער. פון די ברכות וואָס גאָט גיט איהם קען מען פארשטעהן אין וואָס פאר א סכנה ער איז. גאָט וויל ניט אויס־שפּרעכען די סכנה וואָס לויערט אויף איהם כדי עס זאָל ניט מקויים ווערען, ווארום גאָט'ס וואָרט קערט זיך קיינמאָהל ניט אום מיט ליידיגען. פון דער ברכה ואעשך לגוי גדול קען מען פארשטעהן אז ער איז אין סכנת נפשות. מען זאָל איהם חו"ש ניט הרג'נען. ואברכך זה ממון. פארשטעהען מיר די סכנה אז מען זאָל ביי איהם ניט קאָנפיסקירען זיין געלדט. מען האָט אמאָל געפרעגט איין אָרימאן פון וואנען קומט ער. האָט ער געענט־פערט: מגוזלו. ועני ואביון מגוזלו. און אין סכנה פון בזיונות זעהט מען פון דער ברכה: ואגדלה שמך.

א רעיון — דער צוועק, דער תכלית פון גלות.

ווען איך בין א קליינער אינגעל געווען און געגאנגען צו א דאָרף אויסער'ן שטאָדט, האָב איך געזעהן ווי א פויער איז צו־געגאנגען מיט א נייעם עמער און איהם אראָפּגעלאָזען טיעף אין א גרוב. ווייזט אוים אז עס איז געווען א קרעניצע וואסער. איך האָב געפיהלט ווי אויסצושרייען: משוגענער, וואָס נעמסטו און ווארפסט אראָפּ איין גוטען עמער אין איין אָרט וואו וועסט עס ניט קענען קריגען צוריק, פון אזא טיעפעניש!? אָבער ווען איך האָב מיט א פּאָר מינוט שפּעטער געזעהן ווי דער פויער האָט ארויף געצויגען דעם עמער מיט קלאָרע קוועלענדיגע וואַסער און עס איז געווען כמים קרים על נפש עיפה, האָב איך ניט נאָר געזעהן אז ער איז ניט משוגע נאָר אדרבא, איך האָב גע־לויבט איהם פאר זיין אויפטוה. אָט דאָס, מיינע טייערע אידע־לעך, איז אייער אויפגאבע אין דעם „לך לך מארצך וממולדתך",

מיר זיינען געגליכען ווי דער דלי — מזל דלי איז אונזער מזל, איבערהויפט די אידישע דרשנים וועלכע דארפען זיך אויס־שטעהן צייטענווייז בזיונות פון די בור'ים וואָס פיהרען א קליינע צאָהל אידישע שוהלען. די מעהרסטע שוהלען זיינען אונטער א גוטער הנהלה, אָבער אויף איניגע לייענט מען דעם פסוק: היו צריה לראש, אָדער טומאתה בשוליה. די טומאה קריכט אריין אין איניגע שוהלען, בשוליה. אָבער דער דרשן, דער רב, דער רבאַי אָדער דער חזן דארף טאָהן די מעשה הדלי, און די ענדע איז אז ער ווערט פון יענעם עלעמענט פטור. עס איז דאָ אזוי פיעל מאָהל כי הנה כחומר ביד היוצר, כי הנה כגרזן ביד החוטב. ווארום האָט מען ניט אריין געשריבען כמו הרב ביד ה'בעאַמטע? ברצותם מאריך וברצותם מקצר. דער ענט־פער איז אז דער רב דארף קענען איבערקומען דעם שלעכטען און אויסבעסערען. וד"ל.

אָט דאָס איז דער פשט פון ארוממך ד' כי דליתני, לשון דלי.

## דרשה ו.

## סוף הכבוד לבוא.

**אחרי שובו** מהכות את כדלעמר ואת המלכים אשר אתו אל עמק שוה, (רש"י) שהושוו כולם והמליכוהו לנשיא א' ולקצין. ענדליך האָט אברהם געזיעגט. ויאמר לו הבט וספור את הכוכבים כי כה יהיה זרעך. פריהער האָט ער ניט געהאט קיין קינדער ווייל ער איז דאָך געווען א נרדף, און זיינע קינדער וואָלטען איהם ניט רעספעקטירט און געלערענט ווייל די גאנצע וועלט איז געוועזען עובדי ע"ז און זיינען געווען געגען איהם. אָבער יעצט איז די צייט צו ערציהען קינדער. אָט דאָס איז דאָך אויך געווען דער צוועק פון לבן'ען צו בייטען יעקב'ס שכירות און מאַכען איהם פאר איין אָרימאַן כדי לבן זאָל קענען ערציהען די קינ־דער ווי ער וויל, ניט ווי יעקב. אָבער יעקב האָט געזיגט און די קינדער מיט די אמהות זיינען געווען מיט אים איינפערשטאַנען

**רבותי!** עס איז היינט אויך דאָ אזלעכע בעאַמטע אין א קליינע צאָהל שוהלען וואָס זייער צוועק איז צו מאַכען דעם רב ביליג אין די אויגען פון זיין פאמיליע. אָבער די אלטע ברכה פון גאָטט זיגט: ואגדלה שמך.

# וירא

## דרשה א.

## הכנסת אורחים

כתוב: והוא יושב פתח האהל כחום היום.

רבותי! א מענש ווען ער קוקט זיך צו צו דער נאטור פון דער וועלט קען ער זיך לערנען מאָראלישע זאכען אזוי ווי דוד המלך ע״ה האָט געזאָגט: כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך, אז איך זעה די הימלען זעה איך אז עס איז גאָט׳ס ארבייט. אָט דאָ מיינע פריינדע זיצט דער קראנקער א״א און ווארימט זיינע אָפּגע־שוואכטע גלידער אויף דער זון. שמש צדקה מרפא בכנפיה. און ער זאָגט צו זיך אליין: ווי קען איך עפּיס היילען א קראנ־קען, א הונגעריגען, א דורשטיגען, און דערוואַרימען איהם מיט ראַטה און טהאַט. און ווען ער דערזעהט פאר זיך די דריי מלאָכים וועלכע זיינען פארשטעלט פאר מענשען וואנדערער, זאָגט ער מיט די לעצטע קרעפטען: יקח נאָ מעט מים ואקחה פת לחם. ד. ה. וואסער איז מיר שוועהר צו טראגען פאר אייך וועט עס מיין שליח טהאָן אָבער ברויט, אזא זאך ווי ברויט וועל איך באלד תומ״י אליין געבען. ענטפערען איהם די געטליכע שלוחים: כן תעשה כאשר דברת. מיר זעהען דיין גוטע הארץ אז דו ווילסט אליין אלעס טאָהן נאָר דו קענסט ניט, בכן זאָל דיר גאָט שוין געבען א רפואה כאשר דברת. און תומ״י איז ער געזונד געוואָרען.

ד. ה. אז איינער קען ניט געבען קיין צדקה און גיט דאָך, וועט ער אם ענדע קענען געבען. איינער א קמצן האָט מנדר געווען אין שוהל צו דער עליה „שני״ פאר רב, שני פאר׳ן חזן, שני פאר׳ן שמש, שני פאר׳ן ת״ת צוזאמען אכט דאָלאר. ווען דער שמש איז געקומען קאָלעקטען פון פ׳ וירא, האָט ער איהם געזאָגט אז אין א פאָר וואָכען ארום וועט ער איהם באצאָהלען עס געהט דערצו אז עס זאָל זיין פלענטי שניי.

# תבת נח

## דרשה ב.

## אברהם דער מאטעמאטיקער

**אולי יחסרון** חמשה צדיקים, חמשה אין חשבון, אז מען נעמט אראָפּ פון 50 דעם 5 בלייבט 0 גאָרניט.

**רבותי!** אברהם אבינו האָט געזאָגט צו גאָט אז אפילו ווען עס איז דאָרטען גאָרניט דאָ קיין צדיקים זאָל ער זיי אויך ניט אומברענגען ווייל עס פעהלט זיי די (5) פינף חומשים, עס איז דאָך געווען פאר מתן תורה. ווייזט אוים אז די אָבות האָבען שוין אלעם מקיים געווען פאר מתן תורה אפילו עירובי תבשילין, ווייל דעם עירוב תבשילין מאַכט מען דאָך אז מען זאָל קענען קאָכען פון דעם ערשטען טאָג יום טוב פרייטאג (ע"ש) אויף שבת. דער עירוב תבשילין דריקט אוים אז מען קאָכט נאָך פון עיו"ט ווייל צוליעב פיעל אורחים וואָס מען קען געניו ניט וויסען ווי־פיעל מען דארף, נו, אז אברהם אבינו איז דאָך געווען א גרוי־סער מטופל מיט אונגעריכטע אורחים צו יעדער מינוט, הייסט דאָך אז ער קאָכט ניט פון יו"ט אויף'ן צווייטען טאָג נאָר צו־ליעב די אורחים, האָט מען געקאָכט מעהר און עס איז פאר־בליבען ממילא האָט ער מקיים געווען אפילו עירובי תבשילין. אָט דאָס האָט אברהם אבינו געטענה'ט צו גאָט: רבש"ע! ווען אפילו עס איז ניטאָ קיין צדיקים, עס איז דאָך ביפאָר מתן תורה און זיי האָבען ניט ווער עס זאָל זיי לערנען. עס פעהלט זיי די חמשה חומשי תורה. זיי האָבען ניט קיין גוטע ת"ת, קיין ער־ציהונגס אנשטאלטען.

## דרשה ג.

## מצא אחרת נאה הימנה?

**זעקת סדום** וע"מ כי רבה, ר' חנינא: כי רבה והולכת: דער געשריי פון סדום איז גרעסער ווי געוועהנליך. די רייכסטע לאנד סדום, עפרות זהב למו, און ביי זיי שטאַרבען אָרימע פאר הונגער, זיי לאָזען ניט אריין קיין אָרימע, קמצנות איז דאָך א מיאוס'ע מדה, אָבער נאָך שענדליכער פאר רייכע לייט. א ריי־

# תבת נח

כער קמצן איז אָנגערופען „עכברא דשכיב א דינרא" א מויז וואָס ליגט אויף א גאָלדענעם גילדען. עס איז איהר הארט צו ליגען און זי האָט ניט וואָס צו עסען. ווען די מויז ליעגט אין פעדערען איז איהר ווייך, ווען זי ליעגט אין א זאַק מעהל האָט זי האָטש וואָס צו עסען, אָבער וואָס האָט זי פון גאָלד אויף וועלכע זי ליעגט? יעצט פרעגט זיך א פראגע: פארוואס האָט אברהם אבינו זיי פארטיידיגט? ווייל ער איז געווען אזא גרויסער בעל רחמים, אָבער ווען עס קומט צו דעם אידישען פאָלק און גאָט זאָגט: ועבדום, וענו אותם, פראָטעסטירט ער גאָרניט, און (אין גמ' שבת פ"ט ע"ב) א"ר שמואל בר נחמני, אז גאָט וועט זאָגען צו אברהם אבינו: בניך חטאו לי יאמר לפניו „רבש"ע! ימחו על ק' שמך". צו פארשטעהן אויף דעם איין ענט־פער וועלען מיר לערנען א משנה אין גיטין, צ', בש"א לא יגרש אדם את אשתו אא"כ מצא בה דבר ערוה שנאמר כי מצא בה ערות דבר. ובה"א אפילו הקדיחה תבשילו שנאמר דבר, או ערוה או דבר. רע"ק אמר אפילו מצא אחרת נאה הימנה, שנאמר והיה אם לא תמצא חן בעיניו. דארף מען דאָך קענען פארשטעהן ווי אזוי זאָגען דאָס די גרויסע מאָראַליסטען אז צוליעב דעם וואָס אַ פרוי האָט פאַרבּרענט דעם טעפּעל געקעכץ זאָל מען איהר דערפאר קענען אָפּגט'ן? און נאָך מעהר איז א קשיה אויף רע"ק, ער זאָגט דאָך אז ווען דער מאַן געפינט א שעהנערע פרוי פון דער ערשטער קען ער דערפאר אָפּגט'ען זי. אונטער די אומשטענדען וואָלטען זיך אלע געדארפט גט'ען. נאָר ווען מיר פרעגען אויף די רייד פון די תנאים א קשיה מוזען מיר שטודירען די ווערטער וואָס זיי האָבען גענוצט, ווארום אין זייערע ווערטער איז דאָ דער סעקרעט. דבריהם כגחלי אש, אזוי ווי קוילען וועלכע מען זעהט ניט ארוים דעם פייער אָבער אינ־וויינינ איז דאָ פייער, נאָר עס איז פארדעקט. ב"ה זאָגען ניט הקדיחה התבשיל, נאָר זיי זאָגען „תבשילו", ד. ה. אז דאָס וואָס זי פארברענט גיט זי צום מאַן תבשילו, עס איז זיין געקעכץ. אָט אזא מרשעת מעג מען אָפּגט'ען, און ר' עקיבא האָט געזאָגט: אפילו ווען ער קריגט א שעהנערע. ר' עקיבא, וואָס די אינספּירייִשאָן פון ליעבע צו דער שעהנער רחל האָט אים גע־

# תבת נח

געבען מוטה אזוי פיעל צו פלאגען זיך 24 יאָהר, אָנפאנגענדיג לערנען צו די עלטערע יאָהרען „אלף-בית" און דערגרייכען זיין דער גרעסטער פון די תנאים. ער האָט זיך אויסגעשפראָכען אז קיין שעהנערע פון דער ערשטער פרוי קען מען ניט קריעגען.

די ערשטע פרוי דארף זיין ביים מענשען די הייליגסטע זאך אין דער וועלט, דער שה"ש ק"ק. געוועהנליך ווען ער הייראטה דארף ער ניט נעמען א פרוי לשם ממון אלא ראה חיים עם אשה אשר אהבת. אָט דערפאר- מיינע פריינדע, האָט אברהם אבינו געזאָגט צו גאָט: נו דו קענסט קריעגען א בעסערע פאָלק פאר מיינע קינדער? אדרבא, ימחו. ער ווייסט דאָך אז מען קען ניט. עס איז אמת טאַקע אז מיט אונזערע זינד האָבען מיר גורם געווען צו שריפת בית קדשנו, ושמם עירנו, אָבער מיר אליין עסען דאָך די געברענטע צרות און דאָך זיינען מיר אידען און די גוילין הנשרפין פון די ס"ת שרייבען מיר איבער פון די אותיות וועלכע זיינען אוועקגעפלויגען, און דאָך לערנען מיר תורה! זאָגען מיר צו גאָט: מצא אחרת נאה? דו האָסט א שעה-נערס פון אונז? און ער ענטפערט: איזה ספר כריתות? איך גט אייך ניט! נאָר היתה כאלמנה, אָבער ניט אלמנה ממש חו"ש. אָבער פאר די אַנשי סדום זעהט מען דאָך אז זיי זיינען פארפא-לענע, קיינער וועט זיך ניט אָננעמען פאר זיי. איז אברהם דער בעה"ב נעמט ער זיך אָן פאר זיי.

א רעיון אויף דער גמ' שבת פ"ט.

דארטען אין שבת פ"ט אז יצחק מאכט א חשבון דל כה דלילותא איז שוועהר צו פארשטעהן. יצחק זאָגט אז פון דעם מענשענס דורכשניטליכען לעבען, וואָס ער לעבט 70 יאָהר, הייסט ער אראָפנעמען 20 יאָהר וואָס ער איז נאָך ניט קיין בר-עונשין און 25 יאָהר וואָס איז דאָ נעכט און מען שלאפט די נאָכט, און די איבריגע 25 איז עסען, טרינקען, הצטרכות הגוף, און דאווי-נען. בלייבט איינגאנצען 12 מיט א האלב יאָהר. אָבער היתכן, ווי קען מען טאַקע רעכנען אז דער מענש שלאָפט אָפּ א האלב יאָה-רען? די גמ' זאָגט: לא איברא לילא אלא לשינתא, באווארענען די מפרשים אז דאָס מיינט מען נאָר די קליינע נעכט פון תקופת

תמוז. נאָר דער ענטפער איז "לילה" מיינט מען דעם גלות און יצחק טענה'ט צו גאָט אז דאָס וואָס א איד טוהט איין אונרעכט איז דער גלות די אורזאכע דערפון.

**דער גלות**, אזוי ווי א מעדיצין, האָט אין זיך א מעלה און א חסרון, די מעלה וואָס דאָס לערענט דעם אידען מיט געפיהל צום גר, ואהבתם את הגר כי גרים הייתם. און אויך צווישען די געדריקטע איז דאָ אחדות, הבאים ישרש יעקב (ישעי' כ"ז) הבאים: איז דער טייטש, די וואָס קומען, אָבער וואָס קומט זאָגט ער ניט. פארשטעהען מיר אז דאָס מיינט דער נביא די לײדען אין גלות וואָס קומט אויף אידען, דאָס באפעסטיגט איהם, וואָרצעלט איהם איין אלס א פאָלק, אזוי ווי א בוים מיט מעכטיגע וואָרצלען. אָבער די צו־גרויסע יסורים וענוים קשים אין גלות טרייבט אויך צו זינד, צו פארצווייפלונג, און דערפאר איז „דל כה דלילותא". דאָס מיינט מען דעם גלות.

א קאָמישע פאסירונג וועל איך אייך יעצט, רבותי, דער־צעהלען. פון דעם קענט איהר לערנען א גרויסען מאָראל: א דאָק־טאָר איז געקומען צו אקראנקען פארמער. האָט ער איהם פאר־שריבען א מעדיצין און געזאָגט ער זאָל עס נעמען דריי מאָהל א טאָג מיט וואסער, פאר א וואָך צייט. האָט דער חולה פאנאנ־דער געריסען דעם שטיקעל פאפיער אויף 21 שטיקעלעך און געטרונקען דריי מאָהל אַ טאָג א שטיקעל פאפיער מיט וואסער. אָט דאָס זעלבע, מיינע פריינד, טוהען אסך אידען. זיי שלינגען דעם פאפיער פון תהילים, פון דאווגען, פון משניות, א. ז. וו. אָבער ווען זיי וואָלטען טאַקע געמאַכט דעם מעדיצין און טרינ־קען, ד. ה. זיי וואָלטען געטוהן וואָס דער תהילים לערענט אונז, וואָלטען זיי געהאָלפען געוואָרען פון דעם גלות.

## דרשה ד.

## דער ווייטער עתיד

**וישא את עיניו** וירא מרחוק איל אחר נאחז בסבך בקרניו ויעלהו לעולה תחת בנו.

# תבת נח

אברהם אבינו זעהט דעם צוקונפט פון אידען אין די פרעמדע לענדער, ער זעהט אז זיי קעהרען אָפּ פון אידישקייט, פון גאָט און פון דער תורה; ער זעהט די אותיות אין אלף־בית נאָך ס־ב־ך וואָס איז עגל. אברהם אבינו זעהט אָבער אויך די אותיות פאר בנו וועלכעס מיינט אמה. אין מד"ר א"ר אייבי, משל לבן שפחה שטינף פלטין של מלך. אמרו תבוא אמו ותקנח. ד.ה. אידען האָבען טאקע געגעבען געלד אויף ע"ז אויף נארישקייטען, אָבער זיי האָבען אויך געגעבען זהב אויף'ן משכן, אויף פרה אדומה, דאָס איז געווען דער נסיון, וויפיעל ווילען אידען געבען אויף מצות. אָט דערפאר איז די מצוה פון ארבעה מנים, דער אתרוג, זאָגט די תורה ולקחתם לכם ביום הראשון, האָטש עס איז דאָך ניט דער ערשטער טאָג פון יאָהר, זאָגען די מפרשים ראשון ל"ח עונות. אז דער שטן זעהט וויפיעל אידען באַצאָהלען פאר איין אתרוג, זעהט ער שוין אז מען קען קיין שלעכטס אויף זיי ניט ריידען און גאָט הייסט דעם שטן אז ער זאָל ווארטען פון יוה"כ ביז סוכות. גאָט זאָגט צום שטן: דו ווּעסט דיין ערשטען טאָג ארבייט אָנפאנגען סוכות. וועסטו זעהן וויפיעל אידען גיבען אויף ת"ת און ב"ח א. ז. וו.

איך דערמאָן זיך אז א חזן האָט אמאָהל געמאכט איין אפיעל אין שוהל: מורי ורבותי! עס איז אמת אז איהר האָט שוין געגעבען אויף ת"ת וב"ח אָבער איך בין א משולח פון ח"ב ות"ת: מיין ווייב הייסט חנה ביילע און די קינדערלעך לערנען אין תלמוד תורה.

## דרשה להפטרת מלכים סימ' ד'
## יאָהרצייט לאמפּ

**ואשה** אחת מנשי בני הנביאים צעקה אל אלישע לאמר. פריהער האָט זי געשריען און נאָכדעם האָט זי געזאָגט. צעקה — לאמר. עבדך אישי מת. והנשה בא לקחת את שני ילדי. ווארום דארף זי זאָגען שני. און ווען ער נעמט איין קינד איז דען גוט? און בכלל דער גאנצער ענין מיט דעם קריגעלע בוימעל, אז עפּיס אלע מאָהל געהט אריין ביי אונז אידען די ברכה אין דעם שמן.

# תבת נח

דער נס פון חנוכה איז אויך מיט א „פך של שמן”. דאס אידישע פאָלק רופט אָן דער נביא ירמי׳ „זית רענן” יפה פרי תואר קרא ד׳ שמך.

רבותי! דאָס איז געווען עובדיה׳ס דעם נביא׳ס פרוי און דער בע”ח דער נושה איז געווען יהורם בן אחאָב, דער קיסר. דערפאר האָט זי געזאָגט דער מאַהנער פון חוב, אָבער ניט גע־מעלדעט זיין נאָמען. זי האָט מורא געהאט טאָמער וועט דער נביא זיך ניט וועלען איינשטעלען געגען קעניג. און חאָטש די קינדער וואָלט זיי געווען ביים קעניג פיעל בעסער ווי ביי איהר, די אָרימע אַלמנה, אָבער גייסטיג איז די ערציהונג ביי יהורם אזוי ווי ביי זיין פאָטער אחאָב, ניט קיין גוטע. האָט זי געשריען אָבער זי האָט געגעבען צו פארשטעהן אז זי שרייט ניט אומזיסט. ווייל ווען דהמע”ה איז געשטאָרבען איז געשריבען וישכב, ניט וימת, ווייל דוד שהניח בן כמותו, ער האָט געלאָזען א גוטען זוהן שלמה. איז ער ניט געשטאָרבען אויף אייביג, זאָגט זי ווען ער נעמט חאָטש איין קינד און איינער בלייבט א גוטער איד שרייט זי ניט אזוי, אָבער ער נעמט ביידע קינדער, וועט דאָך חו”ש זיין „עבדך אישי מת”. פרעגט איהר דער נביא אלישע: טאָכ־טערשע! ווי איז ביי דיר געווען די פיהרונג אין הויז, וואָס דאָס האָט שוין ביז יעצט געקענט ווירקען אויף דער אנטוויקלונג פון די קינדער? אזוי ווי אין אונזערע צייטען, פלעגט מען באפוצען די הויז מיט ר׳ יצחק אלחנן׳ס בילד אָדער מיט׳ן ווילנער גאון, א. ז. וו., א ש”ס איז געווען אין די הייזער וואו מען האָט אמאָל געלערענט, היינטיגע צייטען איז ותמלא הארץ חמס, ר”ת חומשים, סדורים, מחזורים. און אסך פון אונזערע זיינען ׳בהמה׳ ר”ת: ב־ערתי ה־קדש מ־ן ה־בית. האָט זי געענטפערט: רבי׳ניו! מעהר ווי דער יאָהרצייט לאמפ מיט בוימעל איז ניטאָ! זאָגט דער נביא אז דער יאָהרצייט לאָמפ האָט אין זיך א גרויסען קראפט, אז דאָס האַלט נאָך אויף די אידישקייט אין גלות.

## גוי׳אישער רחמנות

ביי הגר׳ן, ווען ישמעאל האָט געוויינט, זאָגט די תורה

# תבת נח

ותשב מנגד, א גואישער רחמנות. זי האָט ניט געקענט זעהען ווי ישמעאל וויינט איז זי אוועק פון ווייטען, פאר רחמנות קען זי איהם ניט אָנקוקען. אָבער ביי אידען איז חנוך הבנים מיט מוטה און אָפּפערוויליגקייט. ולא עצבו אביו מימיו לאמר מדוע ככה עשית? (מלכ׳ א׳ סי׳ א׳.) אז מען לערענט ניט א קינד מימיו, פון קליינערהייט אָן, מוז מען אויף דער עלטער פרעגען: מדוע ככה עשית? זעהט אידען, לערענט די בנים

# חיי שרה

## דרשה א.

## הספד

מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי

**רבותי!** ווארום זאָגט די תורה דאָ אזוי פיעל מאָל שנה? פריינדע! דעם מענשענס לעבען איז איינגעטהיילט אין 4 סעזאָנען: זומער, ווינטער, פריהלינג און פאָל. די בלי־הענדע יוגענד, דאָס איז פריהלינג, די רייפע יאָהרען, זומער, די מיטעלע יאָהרען, פאָל, און די קאלטע עלטער, דער ווינטער. ווען עס איז „חשכו הארובות" די פענסטער, עס ווערען די אויגען פינסטער, „בטלו הטוחנות", די מיל מאָהלט ניט, דאָס הייסט, ציינער פרעמדע. „מבי תרי, תלת", די פיס טראָגען ניט, מען דארף א שטעקען צו אָנשפּארען זיך, די אייז, די גרויע האָר רינגלען ארום. זקנה, ראשי תיבות, זיפצען, קרעכצען, ניסען, הוסטען.

**א** פרוי האָט געקויפט ביי א פעדלער פרוכט. האָט ער איהר פון אויבען צוגעוואָרפען אויף אַ גוט וואָג אביסעל. ווען די פרוי האָט געזעהען די פרוכט פון אויבען איז פוילע, האָט זי זעהר געקאָמפּליינט. „שרעק זיך ניט", זאָגט דער פעדלער צו איהר, „דאָס איז נאָר די צוגעוואָרפענע, עס קאָסט אייך קיין געלט ניט". אזוי, מיינע פריינדע, איז דעם מענשענס לעבען ווען ער לעבט אויף דער עלטער. דערפאַר בעטען מיר ביי גאָט „אל תשליכנו לעת זקנה". וואַרף ניט צו קיין יאָהרען, נאָר גיב גוטע יאָהרען. זאָגט די תורה: אַז שרה'ס יאָהרען זיינען געוועזען גוטע יאָהרען ביז דער ענדע (רש"י). בת ק כבת כ. שנה, זי האָט אויסגענוצט צום לעבען שני חיי. יעדע מינוט איז זי געוועזען גוט צו גאָט און צו לייט. א סך זעהר א סך האָט די וועלט פאַרלוירען ווען אַזאַ שרה איז געשטאָרבען, און זי אַליין האָט אויך פערלוירען, „בשאול מי יודה לך". און אברהם דער אמת'ער צדיק, האָט זי, די אמת'ע צדקניות מספיד געוועזען. ניט

# תבת נח

ווי א רב האָט אַמאָל מספיד געווען א אידען וואָס איז קיינמאָל אין שוהל ניט אריין, אז ער האָט קיינמאָל קיין דברים בטלים ניט גערעדט אין שוהל. אָדער איינער א ספדן האָט מספיד געוועזען אַ שטומען ווען ער איז געשטאָרבען. האָט ער געזאָגט: „רבותי, דיזער מאַן האָט קיין לשון הרע ניט גערעדט. ביי דעם גרויסען פירשט אברהם אבינו איז אַ טרויער פּארצוי־גען געוואָרען אויפ'ן הויז, קענטיג אַז די אשת חיל איז ניטאָ. „שרוי בלא אשה שרוי בלא ברכה", אַ פּשוט'ער שכל אין „הברכה מצויה אלא בדבר הסמוי מן העין". די ברכה איז דאָ נאָר אין א זאַך וואָס איז פערהוילען פון אויג. און דאָס איז א פרוי, די ערשטע פרוי, די מוטער פון אַלעמען האָט דאָך גאָט אַזוי באַשאַפען אַז אדם זאָל ניט זעהען, ער האָט איהם פאַר־שלעפערט און ביז היינטיגען טאָג ווען ער נעמט אַ פרוי ווייס ער ניט וואָס זי וועט זיין נאָך דער חתונה. אַ איד האָט אַמאָל געבעטען דעם רב ער זאָל איהם שרייבען א צוואה אז ער גיט אַוועק אַלעס וואָס ער פאַרמאָגט צו זיין פרוי. דער רב האָט פראָטעסטירט פאַרוואָס ער גיט ניט אויף צדקה אויך. „רביניו", זאָגט דער איד, „איך וויל אַז מיין פרוי זאָל נאָך אַמאָל הייראַטהען נאָכדעם ווי איך וועל שוין דאָ ניט זיין, דאַרף איך איהר לאָזען געלט צו ערמעגליכען זי צו דעם. „פאַרוואָס זייט איהר פאַר־אינטעריסירט אַז זי זאָל הייראַטהען?" פרעגט איהם דער רב. „רביניו, איך האָב מורא אַז קיינער וועט ניט וויינען אויף מיין טויט, וויל איך אַז זי זאָל הייראַטהען וועט דער צווייטער מאַן איהרער וויינען למאי איך בין געשטאָרבען. „ולבכתה" איז גע־שריבען מיט אַ קליינעם כף, ווייל ער האָט ווייניג געוויינט. אָבער אמת'ע טרערען, אין איכה זאָגט דער מקונן „ודמעתה על לחיה", דאָס הייסט אויסוויינגסטע טרערען. עס טרעפט אַמאָל, א פרוי וויינט ווען זי וויל אז דער מאַן זאָל איהר קויפען א פאָר קאָוט, דאָס הייסט, זי נוצט אוים די וואַסער קראַפט פאר טעכנישע צוועקען. אָבער אַזוינע טרערען ווי אברהם אבינו האָט געוויינט איז הקב"ה סופרן. גאָט ציילט זיי כדי עס זאָל ניט זיין קיין ברכה אין זיי. ותמת שרה. דאָס וואָרט שרה איז דאָך איבעריג. מיר ווייסען דאָך אז עס איז שרה. עס רעדט זיך דאָך

ביז יעצט פון שרה'ן. נאָר דער ענטפער איז, אמאָל איז מען מספיד איינעם צוליעב דעם רעספעקט פון די קינדער און דעם מאַן, אָבער דאָ איז ותמת שרה, אין איהר זכות אַליין, שרה אמנו, די וועלט איז מספיד שרה'ן צוליעב איהר אליין, וועלכע די וועלט האָט פערלוירען.

## דרשה ב.

## חראָפּעט ניט

**מדרש רבה,** רבי עקיבא היה יושב ודורש והצבור מתנמנם אמר להם מפני מה זכתה אסתר למלוך על קכ"ז מדינות תבוא אסתר ב"ב של שרה שחיתה קכ"ז שנה ותמלוך על קכ"ז מדינות. אַז דער עולם האָט איינגעדרעמעלט ביי דער דרשה ווען רבי עקיבא האָט געדרשינט האָט ער זיי אויפגעוועקט דער־מיט וואָס ער האָט געזאָגט אַז אסתר איז דערפאַר געוואָרען אַ קעניגען איבער 127 מדינות ווייל זי איז שרה'ס איין אייניקעל און שרה האָט דאָך געלעבט 127 יאָהר. מען דאַרף עס באַט־ראַכטען דערפאַר וואָס שרה האָט געלעבט אַזוי פיעל. איז עס דען אַ מצוה צו לעבען? דער מענש האָט דאָך איבער דעם ניט קיין דעה, וויפיעל יאָהרען מען גיט איהם אַזוי פיעל לעבט ער. נאָר דער ענטפער איז איינפאַך. דער גוטער מענש וואָס ער טהוט אפילו ווען ער טהוט צוליעב זיין אייגענעם קערפּער און בעקוועמליכקייט איז עס אויך אַ מצוה, ווייל ער דאַרף אויפ־האַלטען דעם געזונט, ער זאָל קענען טהאָן גוטעס מיט מענשען. שרה די גוטע האָט ניט פערלוירען אַ מינוט פון די 127 יאָהר, ווייל דער צוועק פון יעדער זאַך וואָס זי האָט געטהאָן איז גע־ווען גוטעס צו טהאָן מיט דער מענשהייט. איינמאָל איז געשטאָרבען אַ איד אַ בן שמנים. ווען דער ספדן האָט געפרעגט ביי איינעם פון דער סאָסייטי, ווי אלט איז געוועזען דער פאַר־שטאָרבענער, האָט ער געזאָגט אַז 40 יאָהר, ווייל אַ האַלבען לעבען האָט ער געשלאָפען. אָדער אַ בעוואוסטער רב אַ גדול האָט פרייטאָג אָבענד גע'דרש'ענט פאַר'ן עולם, און די האַרע־פּאַשניקעס שלאָפען. רופט אויס דער רב, „אידעלאך, שלאָפען

שבת איז טאקע א מצוה, אבער איך בעט אייך חראפעט ניט, בדי די וואס שלאפען ניט זאלען קענען הערען.

**אדער**, איינער א פאליטישען האט גערעדט אמאל און דער עולם איז איינגעשלאפען, האט ער אויסגעשריען, „אין דעם נאמען פון דער לאא זייט איהר אלע ארעסטעט פאר איבער־טרעטען דעם געזעץ פון סאניטיישאן, ווייל צופיעל מענשען שלאפען אין איין רום.

**מען** דארף אמאל מלמד זכות זיין אויף אזוינע אידען, ווייל א סך ליידען פון שלאפלאזיגקייט, קומען זיי הערען די שעהנע בעד טיים סטארים, איבערהויפט שבת איז דאך ראשי תיבות, שינה בשבת תענוג, נאכדעם ווי „שומן בשר תאכל", ר"ת, **שבת**. נאך א פעטען קוגעלע, שלאפט זיך.

**א רב** האט זיך גערופען, דאקטאר, ווייל ווען ער האט געדרשינת האט ער אלע שלאפלאזיגע פארשלעפערט, און אלע וואס האבען ניט קיין אפעטיט האבען געזאגט זיי זיינען הונגעריג און ווילען א היים געהען עסען. דער הייליגער תנא רבי עקיבא, האט געזעהען אז זיי שלאפען איין א לעטארגישען שלאף, אז די געמיינדע טהוט גארניט פאר ארץ ישראל, פאר מלחמה קרבנות, א. אז. וו., זאגט ער, „ברידער אידען און איהר נשים צדקניות **ערוואכט**, פון אייער שלאף, **אסתר** המלכה אין א צייט פון **המן** דעם אנטיסעמיט, האט ניט איינגעשלאפען און ניט גערוהט ביז זי האט ארויסגעהאלפען דעם אידישען פאלק, און עס איז געווארען גוטע צייטען. זי איז אלס איין אידישע טאכטער א מלכה איבער קכ"ז מדינות, ווייל זי איז שרה'ס א קינד וועלכע האט אויך געטהאן גוטעס אלע איהרע 127 יאהר.

## דרשה ג.

## להולדת בת

**וד' ברך** את אברהם בכל, רש"י, „בכל גימט' בן", גמרא ב"ב, ר' מאיר אומר שלא היתה לו בת. ר' יהודה אומר שהיתה לו בת. אהרים אומרים שהיתה לו בת ובכל שמה.

# תבת נח

**פריינדע!** לאָמיר אנאַליזירען די מיינונג פון די אַלע תנאים וועלכע דעבאַטירען דאָ וועגען וואָס פאַר אַ קינדער עס זיינען אַ בענשונג. אַ בלומען הענדלער זאָגט צו אַ פאַרבייגעהער, „קויפט בלומען פאַר אייער פרוי", זאָגט דער מאַן, „איך האָב ניט קיין פרוי". „נו, טאָ קויפט פאַר אייער צוקונפטיגע פרוי, פאַר אייער געליבטע, „איך האָב ניט", זאָגט דער מאַן, „קיין געליבטע", „אויב אזוי מעגט איהר קויפען פאַר זיך אַליין צו גראַטולירען זיך מיט אייער גליק". ר' מאיר זאָגט, אַז אברהם האָט זיך געקאָנט גראַטולירען, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיינע טעכטער. „וד' ברך את אברהם בכל שלא היתה לו בת". ר' יהודה זאָגט, אַז ער איז געווען געבענשט מיט אַ טאָכטער, אַ טאָכטער איז אַ גאָטס בענשונג. אַ רב האָט אַמאָל געשפּאַצירט מיט זיין רביצין תשעה באב, פרעגט איהם איינער, „רבי אין אזא טרויער טאָג שפּאַצירט איהר גאָר מיט דער רביצין?" ענטפערט איהם דער רב, „זוהנעלע, מיר האָבען ניט מעהר ווי איין (1) פאַר שיך, איז אַלע טאָג פון יאָהר ווען איך טהו אָן די שיך מוז די רעביצין בלייבען אין הויז, אָבער היינט גייען מיר צוזאַמען ביידע אָן שיך. ר' יהודה איז געווען עקזעקטלי אזא אָרימאַן, פון דעסטוועגען, ווען אַ מטרוניה האָט איהם געזעהען האָט זי געזאָגט אז אָדער ער איז א מלוה ברבית, אָדער ער האַנ־דעלט מיט חזירים, מיט רייכע לייט—לית עתירתא מחזיר", אזוי האָט ער אויסגעזעהן מונטער און פרעהליך אויפ'ן פנים. — ווייזט אויס אַז זיין פרוי האָט איהם ניט געערגערט וועגען פרנסה, ווען ניט וואָלט ער דאָך אַזוי ניט אויסגעזעהען. אַ חתן האָט געזאָגט צו זיין כלה, „וואָרום פרעגסט דו מיך ניט ווי אלט איך בין?" „עס איז ניט נויטיג", האָט די כלה געענטפערט, „איך וועל דערגעהען דיינע יאָהרען נאָך דער חתונה. אנאַליזירענדיג אָט די צוויי טיפּען פרוי,איז כדאי צו באַמערקען אז ביי אונז אין לאַנד רופט מען די פרוי אָדער מיסעס אָדער ליידי. מיסעס, איז ניט דאָ געדאַכט ארבע מיתות בית דין, אָדער ווי איינער האָט אמאָהל געזאָגט: „עפר אני בחיי, ק"ו במיתתי". — אז אין יוראָפּ האָט מען זי גערופען חיה און איך בין געלעגען אין

# תבת נח

דער ערד, היינט א ק"ו אז דאָ רופט מען זי מיסעס. דער צווייטער טיפּ פרוי איז ליידי מלשון לדה, איין ערציהערין פון קינדער פון מענשען, א מענש וואָס איז ניט סעלפיש, נאָר פאַר וואָלטהאַט פון דעם פאָלק און פון אַלעמען. נאָך מיין מיינונג איז רש"י דער מפורש פון דער געדאנק פון די אלע פלוגתות. בכל גימט' בן, ד. ה. ער האָט יאָ געהאַט א טאָכטער נאָר מיט אַלע גוטע מעלות. ובכל שמה גימט' בן. אַזוי ווי פון א זוהן האָט מען ניט קיין זאָרג וועגען נכבדות, אַזוי איז פון אַזא טאָכטער מיט גוטע מעלות און מיט חן, איז אויך קיין זאָרג ניטאָ, און עס איז א ברכה מן השמים.

**אָט דאָס** איז אויך דער פשט „אחותינו את היי לאלפי רבבה. זיי האָבען געזאָגט צו דער יעלת חן רבקה'ן את, דו אַליין, ביזט במקום פון נדן. און אויך קען מען זאָגען אַז זיי האָבען איהר געזאָגט אַז חאָטש זי וועט ווערען רייך זאָל זי זיך ניט גרויס האַלטען, זי זאָל ניט פערגעסען אין אייגענע. פיעל מענשען ווען זיי ווערען רייך פערגעסען זיי אין קרובים, אחותינו אפילו תהיה לרבבה. רבבה ר"ת רבקה בת בתואל הארמי פערגעס ניט דיין אָפּשטאַמונג. „וד' ברך את אברהם בכל", צוליעב די קינדער, הן נאָך רש"י גימט' בן, הן נאָך ר' יהודה און די חכמים אז בת, איז צו אריכות ימים איז מען זוכה כדי מען זאָל קאָנען מגדל זיין די קינדער, „וזהו, ואברהם זקן בא בימים וד' ברך את אברהם בכל בשביל הבנים. ברא מזכה אבא. בית יעקב אשר פדה את אברהם".

## דרשה ד.

## ואברהם זקן בא בימים.

**עקספּיריענס** פון יאָהרען, מיר געפינען ביי **דוד המלך** ע"ה אויך והמלך דוד זקן בא בימים. אייגענטליך וואָס מיינט עס בא בימים, ער קומט מיט די טעג. **רבותי**, דאָס וואָרט זקן איז ניט נאָר אַלט נאָר עס מיינט אויך, זאָגען די חז"ל, „זה שקנה חכמה. דער אַלטער מאַן איז טאַקע מעהרסטענס קלוג, דורך די עקספּיריענטס פון יאָהרען, און מיט-מאכונגען.

# תבת נח

מען האָט אמאָל פערלאַנגט אין אַ שוהל אַ רב נאָר אַ קלוגען, איז געקומען איין עלטערער רב און האָט געזאָגט אַז ער איז דער פּאַסיגער מענש פאַר דער שוהל. זאָגט צו איהם די קאָמיטע, „סטייטש רבי, יהללך זר, „חלילה”, זאָגט דער רב, „איך בעריהם זיך ניט, נאָר איך זאָג דעם אמת, איך בין אַ דורך געטריבענער שוין פון אסך שוהלען. — (בלע”ז) „סטאַראַסט ניע ראַדאַסט”. מען וויל ניט קיין אלטע רבנים. עס טרעפט אַמאָל אַז אויף דער עלטער פיהלט זיך דער אלטער מענש ווי פוסט, די יאָהרען זיינען אַוועק ווי מיט רויך, לערענט אונז די תורה, בא בימים, יעדען טאָג דאַרף דער מענש ניט דורך לאָזען מיט גאָרניט, אויפטאָהן גוטעס, זיין צוגעגרייט. „מפני שיבה תקום והדרת פני זקן”, אויב דו ווילסט בעשיינען דיינע אלטע יאָהרען, זעה גרייט אָן ביפאָר דו ווערסט גרוי און אַלט. לערען זיך צו זיין אַ מענש. טייטש ניט, מפני שיבה, ווי איין ע”ה האָט אַמאָל געטאָהן אַז דער חזן האָט געזאָגט אַ גרייז אין דער תפלה האָט ער זיך אויפגעשטעלט, ווייל מפני שיבה תקום, ער האָט געמיינט אַז פאַר אַ גרייז דאַרף מען זיך אויפשטעלען. אַ פּעדלער האָט אויסגערופען הויך, 5 סענט אַ זאָקען! פרעגט איהם א קאָסטימער, ווי פיעל זאָקען? זאָגט דער פּעדלער, „איך מיין זקן איין אַלטער מאַן. ער האָט די ווערט 5 סענט דאָ”. זעהט מיינע פריינדע, זייט ניט קיין (5) סענטיגע, זייט ווי **אברהם אבינו** בא בימים, עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו.

## דרשה ה.

## (אשה טובה) מצא אשה מצא טוב

והיה הנערה, ואמרה שתה וגם גמליך אשקה

**רבותי!** ווארום האָט אליעזר גראַדע געמאַכט אַזאַ סימן, אַז ער וועט בעטען בלויז פאַר זיך אַ טרונק און זי וועט געבען די קעמלען אויך צו טרינקען, נאָר דאַן איז זי די פּאַסיגע באַשערטע פאַר יצחק’ן. דער ענטפער איז, פריינדע! אליעזר האָט געוואָלט אויספּרובירעןביידע זאַכען, די חכמה איהרע און אויך

איהר גוטסקייט און צניעות, אַז ער וועט זאָגען, הטי נא כדך ואשתה, דאָס הייסט, ער וועט טרינקען פון קריעגעל, דערפאר זאָגט ער „כדך", און זי וועט ניט אויסגיסען די איבעריגע וואַסער אוים העפליכקייט, און זי וועט עס די קעמלען געבען, בכדי ער זאָל זיך ניט פיהלען פארשעמט וואָס מען גיסט ארוים די וואַסער פון וועלכע ער האָט געטרונקען, איז דאָס אַליין שוין גוט. אָבער זי האָט נאָך געציינט מעהר העפליכקייט, בכדי ער זאָל ניט דענקען אַז עס איז נאָר געמאַכטע איידעלקייט, נאָר זי האָט געזאָגט, גם לגמליך אשאב. אז זי גיט די קעמלען וואסער, ניט ווייל זי גיסט ארוים פון זיין מויל נאָר טאקע צוליעב די קעמלען. דאָס איז געווען נאָך מעהר ווי ערוואַרטעט, עס איז געווען רבקה די צדקניות, ניט די פאַקערטע רבקה וועלכעס מיינט הקבר, ר"ל. רבקה פארקערט לייענט זיך הקבר.

## דרשה ו.
## די חכמה פון אַלטע און די זריזות פון יונגע

**בבא קמא** צ"ז, „איזהו מטבע של אברהם אבינו זקן וזקנה מצד זה בחור ובתולה מצד זה", רש"י, זקן וזקנה, שרה ואברהם, בחור ובתולה, יצחק ורבקה. איין אָרימאן האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ קאַרגען גביר וועלכער רופט זיך יצחק, „ר' יצחק, גיט אַ מטבעה, אז ניט, וועט מען חלילה זאָגען אַז איהר זייט אַ ממזר, וואָרום די לצני הדור זאָגען דאָך, מאבימלך נתעברה שרה, וועט איהר געבען די מטבעה וועט מען זעהען אַז איהר זייט ווי אברהם אבינו, ווייל יצחק זעהט אוים ווי אברהם אבינו, און חס ושלום ניט מאבילך צר קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם אבינו, און דאָס איז דאָך אויסגעקריצט אויף דער מטבע, יצחק און אברהם אבינו. די מטבע האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם געדאַנק אַז צייטענווייז דאַרף דער מענש זיך האַלטען ווי איין אלטער מענש, לאַנגזאַם און מיושב'דיג. „זקן וזקנה מצד זה". דאָרטען וואו עס איז דאָ כעס, קנאה, איז בעסער „מתון מתון ד' מאות זוזי שוי, אָבער ווען עס האנדעלט זיך וועגען

טאָהן א טובה א מענשען, צדקה— העלפען, איז ווי א יונגער
באַי אָדער אַ יונגע מיידעל, אַט דאָס מיינט בכל, מיט אַלעם:
אויף דער מטבע איז געוועזען אַלעם. הנפטר מ"ח, אל יפטר
אלא מתוך דבר הלכה, איז דער פשט מתוך פון אינמיטען די
צוויי ווערטער דבר **הלכה** וועלכעס מיינט א בית, מיט א כאַף
לאַמעד צוזאמען **בכל** ד. ה., רבנים און דרשנים זאָלען בעטעמען
זייערע דרשות מיט אלע גוטע געדאנקען. **בכל**.

# תולדות

## דרשה א.

להספד מי שהחזיק ת"ת כתוב ויגדל האיש וילך, הלוך וגדל

**אין דער סדרה** לך לך, איז אויך דאָ די זעלבע שפּראַך, „ויסע אברם הלוך ונסוע. און אין דער סדרה נח איז דאָ צוויי מאָל הלוך, „והמים היו הלוך ושוב הלוך וחסר" פיר מאָל האָבען מיר דאָ דעם זעלבען וואָרט הלוך, וועלכער קוקט אוים אייגענט־ליך אינגאנצען איבעריג, עס איז דאָך געשריבען ויגדל, צו וואָס דאַרף ער נאָך זאָגען וילך הלוך וגדל, און וואָס איז דאָס פאַר אַ ווערטער הלוך ונסוע, אויב פאַהרען איז דאָך ניט געגאַנגען, וברש"י שם מפרש לדרכו, און אין דער סדרה נח האָט ער דאָך געקענט זאָגען, וישובו המים, אָדער ויחסרו המים.

**רבותי!** די גמרא אין כתובות ק"ג זאָגט: „תנו רבנן, בשעת פטירתו של רבי אמר לבני אני צריך נכנסו בניו אצלו א"ל נר יהא דלוק, שלחן יהא ערוך, מטה תהא מוצעת. נר, האָט ער געמיינט דעם נר מצוה ותורה אור. די קינדער זאָלען אַליין לערנען און העלפען אַלעמען ווער עס וויל לערנען. ווייל לערנען איז אַ באַליכטונג. עס איז דאָ אַ קלאַס מענשען וואָס גלייכען נאַר פינסטערניש. עס איז אַמאָל אין אַ שטעדטעל געוועזען איין אָרימער איד, קיין צדקה האָט ער ניט געקענט געבען. ער האָט אָבער געוואָלט טאָהן גוטעס מיט מענשען, האָט ער זיך געמאַכט אַ לאַמטערן מיט אַ גוטען לאָמפּ, און אַלע ביינאַכט, אין די פינסטערע נעכט אַרויסגעהען און בעלייכטען פאַר די דורך געהער, זיי זאָלען חס ושלום ניט פאַלען אויף אַ גליטשיגען אָרט. איינמאָל, אין אַ ווינטער נאַכט סוף חדש, אַ גרויסע זאַווערוכע מיט אַ שניי, איז ער ארוים טאָהן זיין שליחות, האָט מען איהם באַפאַלען און מען האָט איהם זעהר שטאַרק צושלאָגען. ווייסט איהר מיינע פריינדע! *ווער עס האָט איהם געשלאָגען? דאָס זיינען געוועזען די חברה וואָס טהוען זייער אַרבייט אין דער פינסטער, חברה גנבים — פאָליטישענס, חברה וואָס ווילען די

# תבת נח

קהל׳שע שיסעל. רבי האָט געזאָגט: נר, נר, בעלייכט, קינדער! שרעקט זיך ניט! סוף גנב לתליה! שלחן יהא ערוך, האָט ער גע־מיינט ווי רש״י זאָגט אין משפטים, „כמו שלחן ערוך״. איהר זאָלט ניט פּאַנפּען, און דרייען מיט די פינגער ווען איהר לערענט, נאָר גיט דעם לערנען צו פאַרשטעהען מיט טעם און הסברה, אזוי ווי אַ געגרייטער טיש, מיט זאַלץ און פעפער. „שני גויים בבטנך, אנטונינוס ורבי שלא פסקו מעל שולחנם לא צנון ולא חזרת לא בימות החמה ולא בימות הגשמים״, דאָס מיינט זיי האָבען געלערענט זומער און ווינטער מיט טעם, הן אין פריד־ליכע נאָרמאַלע צייטען, און אין ווינטער ווען די צייטען זיינען געוועזען ניט נאָרמאַל. ווייל לערנען מוז מען אימער. צוליעב נאָך איין אורזאַכע האָט ער געוואָלט אַ געגרייטען טיש. די גמרא זאָגט, ער פלעגט קומען פון יענער וועלט אהיים אויף שבת, חאָטש קיינער האָט עס ניט געקאָנט זעהען. איך פרעג די פראַגע גלייך מיט אייך, ווי איז ער עס געקומען פון יענער וועלט? ווער קומט דען פון יענער וועלט, און צוליעב וואָס? עס איז דאָך „לא המתים יהללו, וגם במתים חפשי נפשי. נאָר אויב די צייט ערלויבט אונז ניט צו געבען פאַרשטע־הען דעם פילאָסאָפישען געדאנק וועלכער איז דאָ אין דער אגדה וועלען מיר אייך בלויז ענטפערען אז „צדיקים במיתתן קרויים חיים״, און דאָס איז דער פשט פון הלוך ונסוע, פון דער וועלט שטאַרבט מען אמאָל לאַנגזאַם, וועלכעס מיינט הלוך, איינער איז אוועק געגאַנגען, ער האָט זיך געפיהלט אז ער האַלט ביים שטאַרבען, און איינער איז נסוע, ער איז פלוצלינג אוועק געפאָהרען מיט איין עראָפּלאַן. אָבער, לאחר מיתה, איז הלוך וחסר, פעלט ער פון דער וועלט, דאָס איז נאָר ביי געוועהנליכע מענשען, אָבער אַז איינער איז הלוך וגדל, אַ גרויסער גוטער מענש, טהוט ער אַזוי פיעל אויף ווען ער לעבט, אַז אלע מענשען פיהלען ווי נאָכ׳ן טויט קומט ער אויף אונזערע שבתים, ימים טובים און פּאַרטים, דאָס הייסט הלוך ושוב. זיין גייסט איז מיט אונז.

# תבת נח

## דרשה ב.

## לעולם ישא אדם בת תלמיד חכם

**יצחק בן אברהם** אברהם הוליד את יצחק (רש"י) קלסתר פניו דומה לאברהם. לפי שהיו לצני הדור אומרים מאבימלך נתעברה שרה. וזה שכתוב הוליד.

הוליד גימ׳ דומה, ד.ה. אברהם הוליד איז גלייך ווי יצחק׳ס אויסזעהען. אָבער די פראַגע וואָס האָט זיך די תורה אַזוי שפעט דערמאָנט צו פאַרטיידיגען יצחק׳ן, ווען שרה, איז שוין טויט, און יצחק איז שוין אליין פערציג יאָהר אלט, און א פאָטער צו קינדער. ווייל דאָ זאָגט ווייטער די תורה אַז עשו קומט ארויס פון יצחק׳ן, וואָלטען דאָך די לצים געזאָגט, זעהט איהר אַפאַקט אַז יצחק איז ניט אברהם׳ס זוהן, ווייל ווי קומט צו אברהם׳ן איין עשו? דערפאַר זאָגט די תורה, אברהם הוליד את יצחק, נאָר מחמת אחות לבן הארמי לו לאשה, ווייל רבקה האָט א ברודער אַ פאָליטישען. נו, און „רוב בנים הולכין אחרי אחי האם", איז עשו געראָטען אין יענעם, און ער איז אַ פאָליטישען „כי ציד בפיו". רש"י זאָגט, וואָרום האָט יצחק ניט גענומען איין פרוי נאָך איינע צו רבקה׳ן אויף צו ברייננען אַ דור, וואָלט דאָך ממילא ניט געוועזען קיין עשו, אַזוי ווי אברהם האָט גענומען הגר׳ן, און ישמעאל איז דאָך ניט ווי עשו? ענטפערט רש"י, „לפי שנתקדש בהר המוריה, ולא רצה בשפחה. איז דאָך אַ פראַגע, זאָל ער נעמען נאָך איינע ניט קיין שפחה. וועלען מיר דערמיט פאַרשטיין אַ מדרש פליאה, „אדם דואג על אבוד דמיו ואינו דואג על אבוד ימיו זה יצחק". וואָס מיינט דער מדרש? ווייל יצחק האָט דאָך געקענט נעמען נאָך אַ פרוי. נאָר ווען יצחק האָט גערדאַרפט נעמען רבקה׳ן האָט אליעזר מיטגענומען רייכטהימער מיט עשרה גמלים, און עס האָט געקאָסט אַ סך געלט, האָט ער זיך ניט געוואָלט לאָזען קאָסטען אַזוי פיעל געלט, און דורך עשו׳ן איז אברהם געשטאָרבען פריהער „כי מפני הרעה נאסף הצדיק", ער זאָל ניט זעהען די שלעכטיגקייט פון זיין אייניקעל עשו. הייסט דאָס אַז אַ מענש זשאלעוועט

געלט, „דואג על אבוד דמיו״, און ער זשאַלעוועט ניט דעם לעבן, „ואינו דואג על אבוד ימיו״, האָטש זיינע טעג קענען זיך ניט אומקעהרען, ווען געלט קאָן זיך יאָ אומקערען, גלגל החוזר.

## דרשה ג.

## די צוטראָטענע בלום

**ואחרי כן** יצא אחיו וידו אוחזת בעקב עשו. עס וועט קומען די צייט ווען אידען וועלען ווערן אויסגעלייזט דורך דער מצוה וואָס אידען גיבען צדקה, מיט זייערע הענד הויבען זיי אויף די געפאלענע און צעטראָטענע פון עשו׳ס לאַפּעס, אַט דאָס איז דער פשט „וידו אוחזת בעקב עשו״. ליידער ברידער אידען, זיינען מיר יעצט אין גלות ווייל מיר טרעטען איינער אויפ׳ן צווייטען, און מיר צוטרעטען אונזערע בלומען. מיר היטען ניט אונזערע בלומען. „כרמי שלי לא נטרתי״, (ישעי) „מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי״, איז דאָך א קשיה, מיט׳ן האנט טרעט מען דען אין דעם הויף, אין חצר? נאָר ישעי׳ האָט פאראויסגעזעהען די יעצטיגע צייט, אַז צום דאַווענען קומט מען ניט, נאָר צום מיטינג, און מען הויבט אויף די הענט צו וואָטען אַז מען זאָל מינערען די שכירות פון די כלי קדש, אָדער די אַלטע תקנות פון די ארבע ארצות, „בואו ונשכח תורת רגל מארצינו״, דאָס איז דער פשט „מידכם רמוס״. מען טרעט מיט די הענט ביים מיטינג צו אָבשטימען. דער מדרש זאָגט אין תרומה: ויקחו לי תרומה הה״ד כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו. איהר זאָלט ניט דענקען אַז איהר וועט נעמען פון דער תרומה און אויסבויען אַ שוהל אויף צו האַלטען מיטינגס. ניין, תורתי אל תעזבו, איך וויל א שוהל וואו מען לערענט דאַרטען, און מען דאַווענט. ווי אַ בעוואוסטער מגיד האָט געזאָגט: דער רבש״ע האָט ליעב די אייראָפּייאישע שוהלען וואָס זיינען טריף, ווייל ווען מען לערענט פאר א ליכט צושמעלצט זיך די ליכט. די צרה איז וואָס דאָ זיינען די שוהלען שוין צו כשר. אָדער אַזוי ווי אַ אידענע האָט אַמאָל געזאָגט: רבש״ע, עס איז ביי דיר זעהר ציכטיג און ריין אין דיינע שוהלען, ווייל

דו האסט ניט קיין קליינע קינדער וואס זאלען דיר אנטראגען בלאטע. דאס הייסט, דער יונגער דור קומט ניט אין שוהל.

**רבותי!** אט דאס מיינט די תורה, „ואחרי כן יצא אחיו וידו אוחזת בעקב עשו". אין דעם אחרית הימים וועלען אויפ־שטעהען די יונגע אידען, די „יאנג איזראעל" און זיי וועלען טרעטען מיט פעסטע טריט און פארשפרייטען דעם נר תורה, עם וועט ביי זיי זיין תורה ותפלה ונגינה. אז ישיר משה. א פאלק אויף וועלכען מען האט זיך גארניט גערעכט. לאמיר האטש אזוי האפען עס זאל חם ושלום ניט זיין, „ויקו לעשות ענבים ויעש באשים. איבערהויפט אז זיי וועלען האלטען פון דעם כלל אז, „בשעה שאמרו ישראל נעשה ונשמע, א"ל הקב"ה ויקחו לי תרומה, ד. ה. אז זינגען און דאווענען און נאך אזעלכע זאכען איז לייכטער ווי צו געבען צדקה, דערפאר האט גאט געזאגט תרומה. איז אויב זיי וועלען געבען צדקה, וועלען זיי מאכען מיט אלע אידען יד אחת און מיט אזא לאנגע האנדט קען מען קריגען די געלדט פון הימעל. דארטען איז דא געלדט „נטל הקב"ה מטבע של אש מתחת כסא הכבוד".

## דרשה ד.

## לחנוך הבנים

**ויגדלו הנערים** (רש"י) כיון שנעשו בני שלש עשרה שנה זה פירש לבימ"ד וזה פירש לעכו"ם. בגמ' לאחר שבע שנים נעשה שדרו של אדם נחש. נאך זיבען יאהר ווערט דער רוקען פון א מענשען א שלאנג אויב ער בוקט זיך ניט אין מודים. וועלכע זיבען יאהר מיינט די גמרא? וועלען מיר פארשטעהן. די גמרא זאגט אז ביז זעקס יאהר זאלען קינדער ניט געהן אין חדר לערנען, ווייל דאס מאכט שוואך דעם געזונד. אבער נאך זעקס, נעם זיי אריין אין חדר און שטאפ זיי ווי איין אקס. מען שטאפט אויף צו מאכען איהם פעט, אזוי שטאפ דעם תלמיד מיט תורה.

אמר ליה רב לר' שמואל בר שילת: וספי ליה כתורא. וואס מיינט דאס די גמ' מיט די ווערטער: שטאפ איהם ווי איין אקס?

# תבת נח

לערן דעם קינד תורה און דרך ארץ, און מדות לערן איהם צו זיין דאַנקבאַר פאר אלעס וואָס מען טוהט פאר איהם. אָט דאָס איז דער געדאנק אין ברכות, וואָס מען בענשט גאָט פאר'ן ברויט, פאר'ן וואַסער און ז. וו. גאָט וויל אונז לערנען די מדה פון דאנקבארשאפט פון מענש צו מענש דאן וועט זיין א גוטע געזעל-שאַפט.

דער הגר"א האָט אמאָהל איינעם געשיקט אין א בריעף א דאַנק. האָט יענער איבער געפרעגט: אז ער וואָלט ניט וועלען דעם דאַנק כדי דער שכר זאָל ניט געמינערט ווערען פון דער מצוה דורך דער הנאָה פון דאַנק. האָט דער גאון געענטפערט: אז דנק איז גימ' עולם הבא.

איינער א רב פון דאון טאון האָט אמאָהל געוועקט זיינע קינדער אין אחרון של יו"ט: שטעהט אויף קינדער! עס איז היינט „יזכור"! „פאַ! האָבען די קינדער אויסגעשריגען, „וואָס האָבען מיר צו טאָהן ביי יזכור? לאנג לעבען זאָלען אונזערע עלטערען!" „יא", האָט דער רב געענטפערט, „איך וויל אז איהר קינדער זאָלט זיך צוגעוואוינען אויפשטעהן פריה און געהן אין שוהל, וועל איך זיין זיכער, אז גם כי אלך בגי צלמות לא אירא רע, אז איהר וועט אָפּהיטען יזכור און קדיש."

אָט דאָס איז מיינע פריינדע, די 7 יאָהר פון לערנען גוט, פון 6 ביז 13. אויב מען לערענט דעם קינד וואקסט ער אוים א דאַנקבארער, גוטער מענש; און אויב ניט, ר"ל, א שלאַנג, נאָך 7 יאָהר. אז ער בוקט זיך ניט אין מודים, „מודים" מיינט „דאנ-קען — מלשון תודה. און וואָס קען א קינד פון 13 יאָהר וויסען פון דעם גרויסען געדאנק וואָס איז פארבונדען מיט ת פ י ל י ן אויב מען לערענט איהם ניט אסך יאָהרען די ארבע פרשיות וועלכע ליגען אין די בתים, וואָס דאַרטען לערענט אונז די תורה רעספּעקט און יראָה פאר גאָט און פאר עלטערען, ליעבע צו דעם עלענדען, א. ז. וו.

אין קאָוונע איז א גויאישער סאָלדאַט געקומען צו א

קרעמער פון שיך פארקויפען א פאר תפילין. זאגט דער קרעמער צו איהם: וואו האסטו עס גענומען?״ ער האט פארשטאנען אז ער האט עס גע׳גנב׳עט. „ביי א אידישען סאלדאט״, זאגט דער פויער בלע״ז, „יא סאם סאפאזשניק, יא סאם יעווא זראביל״. (איך בין אליין א שוסטער, איך האב עס אליין געמאכט). א וואונדער, וואס דענקט אונזער בר-מצוה, אט דער בחור׳ל וואס איז דא יעצט פאר אונז, וואס דענקסטו זוהנעלע איז תפילין?— ווען די וועלט וואלט וויסען וואס תפילין מיינט, וואלט די גאנצע וועלט געלעגט תפילין. אזוי ווי הרב איסקאלסקי ז״ל האט אמאהל געזאגט צו א אידישען אטלעט, ווען דער אטלעט האט געזאגט אז ער קען ניט קומען אינדערפריה צום דאווגען, ווייל ער דארף מאכען עקסערסייז-איבונגען. האט ער געזאגט: קום אין שוהל, בינד דיר אן גאט׳ס תפילין אויפ׳ן קאפף און האנד, און שאקעל זיך ווי א חסיד, אדער שפאציר איבער׳ן שוהל וועסטו האבען עקסערסייז סיי פיזיש און סיי גייסטיג.

צו דער ערציהונג פון א קינד דארף אבער די מוטער פיעל העלפען. „שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך״. א פרוי האט אמאהל חושד געווען איהר מאן אז ער לעגט ניט קיין טלית ותפילין, ווען ער איז אין דער פרעמד, אין אויסלאנד. האט זי איהם מיטגעגעבען געבאקענע „גאמאלקעס״ אויפ׳ן וועג, און עס אריין געלעגט אין טלית ותפילין זעקעל. ווען דער מאן האט אויפ׳ן וועג געזוכט די קעזלעך צום עסען, און האט ניט געפונען, האט ער אנגעשריבען זעהר א ברוגז׳ן בריעף צו זיין פרוי, זאגענדיג, אז זי פאסט ניט אויף אויף זיין געזונדט. האט איהם די פרוי געענטפערט: „בעט ביי גאטט וועסטו האבען וואס צו עסען און אויך זיין געזונד.״ האט ער געדאווענט און געהאלפען געווארען. זעהט, איהר מוטערס, וויפיעל איהר קענט העלפען אין ערציהען די מענשהייט און טוהט אייער בעסט.

## דרשה ה.

## כבוד אב ואם.

ברכות כוהנים וברכת הדיוט אל תהא קלה בעיניך

# תבת נח

**מורי ורבותי!** לאָמיר פאַרשטעהן צו־וואָס האָט עס יצחק געדאַרפט אָט די געפאַנגענע פלייש? יצחק איז דאָך גע־ווען רייך און געהאַט פיעל שאָף און רינדער, און אין אלגעמיין איז דאָך יצחק דער עולה תמימה, א מענש פון גייסט, און צו וואָס דאַרף ער עס? אנדערש קען ער איהם דען ניט בענשען? ווי א פאָטער בענשט א קינד.

מיר ווילען פאַרשטעהן דעם ענטפער צו דעם דורך א משל עס איז אמאָהל געווען א קאַרגער גביר און קיין ברכה האָט ער פון קיינעם ניט געהאַט. קיינעם האָט ער קיין טובה געטוהן און קיינער האָט איהם ניט געבענשט. וואָס־זשע טוהט ער? ער לויפט אין שוהל אריין נאָר ווען די כהנים דוכנען און וויל אריין חאַפּען אלע ברכות. עס האָט איהם אָבער ניט געהאָלפען. איז ער געוואָרען איין אפיקורס און גלויבט ניט מעהר אין קיין זאַך פון דער תורה. ווייסט איהר אָבער מיינע פריינדע, פאַרוואָס האָט עס ניט געהאָלפען? די גמרא (חגיגה ט"ז) זאָגט: „כל המסתכל בכהנים בשעה שנושאים כפיהם לדוכן עיניו כהות". ווארום ווערען די אויגען קאַליע ווען מען קוקט אויף די הענט פון די כהנים ווען זיי דוכנען? איז פאַראַן פיעלע מיינונגען אויף דעם. אָבער איינער פון די לאָגישסטע געדאַנקען איז: ווייל דער וואָס איז אליין ניט קיין גוטער מענש און איז ניט ווערטה קיין ברכה, ד.ה. די מענשהייט בענשט איהם ניט, נאָר ער איז זיך סומך אויף דעם דוכנען פון די כהנים, איז ער פאַר־בלענדעט אויף די אויגען. דאַרט וואו עס רעדט זיך וועגען זעהן מיינט מען פיעל מאָהל צו זעהן מיט חכמה, אָט דאָס איז דער פשט פון „חכם עיניו בראשו". דער חכם האָט די אויגען אין קאָפּ. ער האָט א קלוגען קאָפּ, זעהט ער מיט'ן שכל. און אויך קען מען זאָגען „בראשו" מיינט פון אנפאַנג. ער זעהט פון אָנפאַנג די ענדע וואָס עס וועט ארויסקומען.

דער געטרייער פאָטער יצחק וואָס איז אויף איהם געזאָגט געוואָרען „כרחם אָב על בנים". א מוטער האָט דאָך מעהר רחמנות אויף קינדער, ווארום־זשע זאָגען מיר „כרחם אב", נאָר

דאָס מיינט מען דעם אָב הידוע, יצחק'ן. וועלכער האָט געזעהן עשו'ס מעשים און אויך זיינע פרויען, ווי זיי זיינען מקריב צו דער ע"ז, האָט ער חאָטש געוואָלט ענטוויקלען אין עשו'ן א גוטע מדה, וואָס די מענשהייט זאָל איהם דערפאר קענען דולדען און בענשען, און דאָס איז די מדה פון „כבוד אב ואם", און אין אלגעמיין די מדה פון גאסטפריינדליכקייט, „הכנסת אורחים". אָט דערפאַר האָט יצחק געזאָגט: „ועשה לי מטעמים" דורך שווערע מיה פון פאנגען פריהער די פלייש... און ביז היינטיגען טאָג, ווען מיר פראַווען א שמחה, א חתונה א ברית, א. ז.וו. גיט מען דעם עולם עסען און טרינקען כדי די ברכה זאָל זיין אזוי ווי יצחק האָט אונז געלערענט, די ברכה זאָל זיין וואָס מען גיט די נייע פאַר פאָלק א פערדינטע ברכה.

די וועלט דערצעהלט, אז א פאָטער האָט געוואָלט מזכה זיין זיינע פינף זיהן מיט כבוד אָב און מיט א ברכה, האָט ער זיך געהייסען דערלאנגען א טרונק וואסער. האָט דער עלטערער זוהן געהייסען דעם קלענערען, און אזוי האָבען זיי צוגעבראכט די מצוה ביז צום סאַמע קלענסטען. האָט דער בן זקונים געזאָגט: „טאַטע, דו האָסט דאָך ניט קיין מצות, נעם אליין א טרונק, וועסטו האָבען א מצוה". ווי טרויעריג עס איז! אז די גרעסטע מצוה וואָס אפילו די עובדי ע"ז זיינען מקיים, און ביי אונז איז זי פארנאכלעסיגט.. עס איז געשריבען אין דער תורה: „איש אמו ואביו תיראו". וועלכעס מיינט מען זאָל מורא האָבען פאַר על-טערען יראת הכבוד. אָבער זיי טייטשען אזוי: איש, אזוי שנעל ווי ער ווערט אַ איש, א מענש פאר זיך, איז, אמו ואָביו דארפען מורא האָבען פאַר איהם.

## דרשה ו.

## החזקת ותמיכת התורה.

„ויתן לך מטל השמים ומשמני האָרץ" דאָס איז די ברכה וואָס יצחק אָבינו האָט געבענשט יעקב'ן, אָבער צו עשו'ן האָט ער געזאָגט: "משמני הארץ„ פריהער. ביי עשו'ן איז גשמיות

דער עיקר. און אז ער איז רייך טוהט ער אמאָהל טשאריטי אויך, גייסטיגעס אויך. אָבער ביי די לוחות איז געשריבען אין דער תורה: „פסל לך" אז פריהער איז פסל, די תורה, דער עיקר, און נאָכדעם „לך", נאָכדעם צו דיר, גשמיות. זעהט איהר ביי דער עבודה זרה איז „לא תעשה לך", פריהער „לך" און נאָכדעם „ כל פסל", אויב דו ביזט איין „אָדם קרוב לעצמו" איז דאָס ע"ז, א סימן אז דו בעגרייפסט ניט די אמונה און די תורה, וואָס גיט דיר לעבען און צום לעבען, און דער סופאָרט צו דער תורה דאַרף זיין די ערשטע זאַך. „מטל השמים" וממילאָ וועט זיין „משמני הארץ" אָט דאָס איז אונזער ברכה. האָבען מיר פיליכט פארגעסען פון דעם און מיר טייטשען אנ־דערש: „אני ראשון ואני אחרון", די ערשטע זאך אויף וועלכע מען הערט אויף צו סופאָרטען אין די קריטישע צייטען, איז די תורה, און אין די גוטע יאָהרען איז די תורה די לעצטע זאך.

רבותי, שטיצט די תורה.

## דרשה ז.

### בזה הענין.

**הקול קול יעקב והידים ידי עשו.** בדרך צחות קען מען זאָגען אז דאָס מיינט מען היינטיגע צייטען, ווען אידען איבערהויפט די רייכע אידען האָבען צוגעמאַכט די הענט, ווען עס קומט צו שטיצען די ישיבות, און תלמוד תורה'ס, דאָס הייסט זיי האָבען געמאַכט פון די הענט צוגעמאכטע קולאקעס, אזוי ווי עשו, איז דאָך א מענש וואָס זיין מאַכט באשטעהט אין קולאק. און דאָס האָט יצחק אָבינו פאָראויס געזעהן און האָט זיך גע־וואונדערט: וויאזוי קען זיין הקול קול יעקב, ווי אזוי לערענט יעקב תורה, אין דער צייט ווען דאָס פאָלק שטיצט ניט די תורה מיט געלד?

אגב אורחא, א קארגען רופט מען „קמצן" ווייל ער מאַכט פון א אָפענע האַנד, וואָס רופט זיך אין ל"ק „קמץ", מאכט ע־

# תבת נח

א קולאק, און דאָס הייסט קמצן. „אין הקמץ משביע את הארי".
„ארי" מיינט מען דעם ת"ח: „ארי עלה מבבל".

**פי' ב'.** „הקול קול יעקב", יצחק האָט דערקענט יעקב'ס קול. איז דאָך טאַקע א פראגע: פארוואָס האָט ער ניט חוקר ודורש געווען בעסער? דער ענטפער איז אין דעם פסוק: „הכי קרא שמו יעקב", אייגענטליך וואָס האָט עשו געפרעגט? נאָר מיר וועלען פארשטעהן אז עשו האָט זיך דאָך געווים געריכט אז רבקה וועט שיקען יעקב'ן אויסנאַרען די ברכות. און אז ער וועט דאן קומען וועט ער זיך דאָך פאַרשטעלען אז ער איז עשו און רעדען מיט עשו'ס קול, און אלע זיינע תנועות. האָט ער אָפּגערעדט מיט יצחק'ן, אז ער וועט קומען וועט ער זיך פאַר שטעלען און וועט געבען אזא סימן: ער וועט זאָגען: „איך בין יעקב, און גראדע רעדען ווי יעקב, דאָס איז אין פסוק: „ורבקה אמרה אל יעקב בנה לאמר". דו זאָלסט ריידען „באמירה רכה" ווארום „שמעתי אביך מדבר אל עשו לאמר", דאָס איז דער סימן: דו זאָלסט ריידען גראדע מיט דיין ווייכע שפראך און דערפאַר האָט עשו יעצט געשריגען „הכי קרא שמו יעקב"? טאַטע! האָט ער דען אָנגעגעבען דעם סימן?! און יעקב האָט דאָך ניט געוואָלט זאָגען קיין ליגען, האָט ער געזאָגט: „אָני". איך בין יעקב, און עשו איז בכורך. דערפאר האָט יצחק געזאָגט: עס שטימט! הקול, און אויך די ידים זיינען ווי איך האָב אָפּגערעדט מיט עשו'ן.

צו פארשטעהן, ווי אזוי האָט דאָך יעקב אבינו דורך גע־פיהרט אזא שטיקעל רמאות? דארף מען עס גוט באטראכטען! אז מען זאָל עס קענען פארענטפערען! און דערצו זאָגען מיר דאָך: „תתן אמת ליעקב". דעם געדאנק וועלען מיר פארשטעהן עפ"י משל: א שכור'ער גוי איין אנטיסעמיט געהט אין גאס, הושע"ר אין דער פריה, און באגעגענט א אידען געהן אין שוהל שלאָגט ער איהם. זעהט דער איד אז מיט גבורה קען מען דעם אנטי־סעמיט ניט באזיגען, רופט ער זיך אָן צו דעם גוי: איך דאנק דיר און גיב דיר א האַלבען דאָלאר פאר די קלעפּ וואָס דו האָסט מיך

געשלאָגען. ווייל ביי אונז אידען איז אזא טראדיציע אז ווען א גוי שלאָגט אונז איז עס א גוטער סימן אז מיר וועלען האָבען א גוטען קוויטעל, א גוט יאָהר. — דער גוי האָט דערהערט אזא זאך. זאָגט ער צו דעם אידען: וואָס טויג מיר א האלבער דאָלאר? צייג מיר וואו זיינען די רייכע אידען וועל איך פארדינען מעהר. האָט איהם דער איד אָנגעצייגט אויף איין אלטינקען אידען, וועמען'ס זוהן איז געווען א פּאָליסמאן. דער אנטיסעמיט האָט דעם אלטינקען אידען אָנגעשלאָגען, אָבער דער פּאָליסמאן האָט זיך דערנאָך גוט אָפּגערעכענט מיט איהם און האָט איהם נאָך ארעסטירט דערצו. — יעקב איז טאַקע געווען איין אמת'ער. נאָר אין אזוינע אומשטענדען ווי יעצטיגע מוז מען דאך משנה זיין. אזוי ווי למשל, מען קען דאָך ניט אָנרופען מיט'ן נאָמען: גנב, איינעם וואָס גנב'ט זיך ארויס פון דעם קאָנצענטראציאָנס לאַגער. אָבער יצחק האָט זיך דערשראָקען ווען ער האָט ער־פאהרען זיין טעות, ווייל דער בכור איז דאָך נאָך דאן געווען אנערקענט אלס הייליג. אָבער יעקב האָט שוין געלערענט פון דער פאסירונג אז דער בכור איז ניט אימער וויכטיג, אז מען דארף טייטשען „קדש לי כל בכור" אז די קדושה, דאָס איז דאָס ערשטע. און יעקב האָט שוין גראדע געבענשט דעם יונגערען. „ויחרד יצחק חרדה גדולה", ווייל „אין הקב"ה מביא תקלה ע"י הצדיקים". אָבער אז עשו האָט געזאָגט „וגם את בכורתי לקח", האָט ער שוין פארשטאנען אז דאָס איז די אורזאכע. און ער איז באַרוהיגט געוואָרען.

**דבר קצר** להפטרה (מלאכי סימ' א') להחזקת הרב — מחזיקי הרב ולא חו"ש מזיקי. „כי שפתי כהן ישמרו דעת, והעם יבקשו תורה מפיהו, כי מלאך ה' צבאות הוא", ניט אומ־זיסט האָבען די ת"ח ניט וואָס צו עסען, ווייל עס איז דאָך א ממ"נ, קען מען פון איהם לערנען תורה, איז דאָך א בעווייז אז ער איז מלאך, און א מלאך דארף ניט עסען. און אויב פארקערט ער איז ניט קיין מלאך, טאָר מען דאָך פון איהם קיין תורה ניט לערנען.

# ויצא

## דרשה א.

## סבלנות

**ויפגע במקום.** (רש"י) ויתפלל, כמו ואל תפגע בי. דער טייטש פון ויפגע איז: ער האָט געבעטען צו גאָטט. האָטש עס איז דאָ אנדערע טייטשען אויף דעם וואָרט, צום ביישפּיעל, אין דער סדרה „בלק" דאָרטען אין רש"י, זאָגט פינחס צו מ"ר ע"ה: קנאין פוגעין בו. האָט מ"ר ע"ה איהם געענטפערט: קריינא דאיגרתא איהו ליהוי פּרוונקא. אייגענטליך וואָס האָט משה איהם געענטפערט? אז דער וואָס לייענט דעם בריעף זאָל אליין זיין דער שליח צו טוהן די שליחות. וויבאלד אז דער דין איז אזוי אז מען דאַרף איהם הרג'נען, טאָ פאַרוואָס וויל עס מ"ר ניט דורכפיהרען? **נאָר דער ענטפער איז פּשוט:** מ"ר ע"ה האָט געזאָגט צו פינחס'ן אז קנאין פוגעין בו, מיינט ניט פוגעין: הרג'נען. נאָר „פוגעין בו", מיינט: מען בעט ביי איהם ער זאָל אויפהערען דעמאָראַליזירען דאָס פאָלק. אָט דאָס האָט ער גע-מיינט: „קריינא דאיגרתא", א בריעף װענדעט זיך ווי מען לייענט איהם. איך לעז דעם וואָרט „פוגעין", בעטען, אזוי ווי דאָ אין דער סדרה ויצא. „ויפגע" איז דער טייטש: ער האָט מתפלל געוועזן. תפלת ערבית.

**רבותי!** מיר קענען זיך לערנען פון דעם א גרויסען מאָראל: ווען א מענש טוהט א פאַרברעכען, זאָל מען איהם ניט באַשטראָפען גרויזאם, נאָר באַטראַכטען ווי ער האָט זיך באַ-נאַרישט. „אין אדם עובר עבירה אלא א"כ נכנסה בו רוח שטות" מען דאַרף היילען אָט די פאַרברעכער, ווייל עס איז א קראַנקהייט ווען מען זאָל אזוי טאָהן וואָלטען מיר אויסגעמידען פיעלע מלחמות און בלוט פאַרגיסונג. די היילונג פון אזא קראַנקען דאַרף געוועהנליך, באַשטעטיגט ווערען פון עקספּערט דאָקטוירים. אמאָהל איז נויטיג אזא אומגליקליכען צו איזאָלירען, אוועקנע-מען פון געזעלשאַפט, און אמאָהל מוז מען דורך פיהרען פינחס'ס

ארבייט, ווארום פינחס איז געווען א כהן, און אמאָליגע כהנים זיינען געווען דאָקטוירים. דאָרטען אז יענער נשיא האָט דער־מאַראליזירט דאָס פאָלק, און עס האָט געבושעוועט איין עפידע־מיע, זאָגט די תורה עדות אז פינחס האָט גוט געטאָהן. אָט צום ביישפיעל, נעמט מענשען וועלכע זיינען קארגע גבירים זיינען זיי דאָך קראנקע מענשען. (קהלת) יש רעה חלה וכו׳.

עס האָט אמאָהל א משולח אָנגעקלונגען ביי א קארגען גביר. וויל מען דאָך איהם ניט אריין לאָזען. זאָגט דער משולח: איך בין א דאָקטאָר פון דער באָארד אוו העלטה, לאָזט מיך אריין. האָט איהם דער גביר געפרעגט: אין וואָס באשטעהט מיין קראנקהייט? זאָגט איהם דער משולח: גביר, ברודער! אייער קראנקהייט באשטעהט אין צעהנדליגע טויזענדער דאָלאר. און אז מען איז מבקר חולה, נעמט מען דאָך אוועק א זעכציגסט-טייל פון דער קראנקהייט· וויל איך אוועק נעמען א זעכציגסט טייל פון דער קראנקהייט.

דורך קאָאָפּעראציע, מיט-העלפען יענעם, העלפט מען זיך אליין. צום ביישפייעל, מיר טרעפען צוויי מענשען, איינער א פעטער, רויכערט סיגארס צו רעדוצירען, אָדער צו העלפען דעם סיסטעם נאָך פעטע עסענס. און דער צווייטער, א טרוקענער, א דאַרער, רויכערט פון זאָרג, און כדי צו פארטרייבען דעם הונגער דעם אפעטיט. וואָלט דאָך געווען גלייכער ווען דער פעטער העלפט דעם הונגעריגען, און זיי זאָלען ביידע ניט דאַר־פען רויכערען.

**יעקב** איז דאָ בארויבט געוואָרען פון זיין פלימעניק אליפז בן עשו, ר״ת: מבאר שבע וילך חרנה: **מ**יד **ב**א **א**ליפז **ר**שע **ש**הוא **ב**ן **ע**שו ויתן **ל**ו יעקב **כ**ל **ח**ילו **ר**ק **נ**שאר **ה**מקל. דערפאר האָט דאָך דאָ יעקב אזוי שטארק מתפלל געווען· ער האָט געזאָגט אשא עיני אל ההרים. איך הויב מיינע אויגען צו די בערג, די אָבות אונזערע רופען זיך בערג, גרויסע מענשען, אָדער ווי מען קען זאָגען „ההרים״ מיינט „ההורים״, די עלטערען, וועלכע זיי־נען געווען אזוי רייך אז זיין פאָטער יצחק, ווען ער האָט גע־

## תבת נח

דארפט נעמען זיין מוטער רבקה׳ן האָט מען געשיקט 10 גע־לאָדענע קעמלען מיט מתנות. און ער איז אזוי אָרים, אין דער צייט וואָס ער געהט וועגען דעם צוועק פון היירעאטהען: — „מאין יבא עזרי?״ האָט ער געזאָגט. איז דאָך טאַקע א פראגע: פארוואָס האָט זיך יעקב געלאָזט בארויבען? און אימער ווען ער האָט צו טאָהן מיט עשו׳ן זוכט ער אלעם מיט גוטען, ער גרייט זיך צו לדורן, לתפלה, ער גיט איהם מתנות און בעט איהם איבער. און אז אדום לאָזט איהם ניט דורכגעהן (במדבר) „ולא נתן אדום לעבור את ישראל בגבולו״ איז „ויט ישראל מעליו״, געהט ישראל אוועק פון איהם. און ווען ער ראַנגעלט זיך מיט עשו׳ס שר, בעט ער איהם נאָכדעם פאר א ברכה. יעקב איז דאָך א גרויסער גבור! ווען ער וויל קייקעלט ער דאָך אראָפּ א שטיין פון׳ם ברונען וואָס אלע פאסטוכער צוזאמען פלעגען עס טאָהן, און ער טוהט עס איינער אליין, אזוי לייכט ווי ארויסציהען א קאָרק פון א באטעל, (רש״י) כמו שמעביר את הפקק מעל הצלוחית״. אָט דאָ רבותי איז דער ענטפער: יעקב וויל אויסמיידען בלוט פארגיסונג יעקב דער גבור האנדעלט מיט געדולד, עשו איז זיינער א ברודער, די גאנצע וועלט דארפען זיך באטראכטען פאר ברידער „הלא אָח עשו ליעקב״. יעקב זעהט אז עשו איז א פּאָליטישען, „כי ציד בפיו״. ער האנדעלט אָבער מיט גוטען און מיט גוטען קומט ער דורך. „ויפגע״, ער האָט געבעטען.

עס האט אמאָהל א איד געשריגען ביים דאוונען, זאָגט איהם איינער, פאָלגט מיר, מיט גוטען וועט איהר בעסער מאַכען שרייט ניט. „דברי חכמים בנחת נשמעים״. קנאים פוגעין בו, ווי פינחס האָט געטייטשט מוז מען טייטשען ווען עס האנדעלט זיך וועגען עמלק׳ן, נאָר דאן, ווייל ער איז יוצא מן הכלל. אָט דאָס וואָס איך האָב געזאָגט אויף׳ן וואָרט „יפגע״, איז אזוי ווי א ווידוי, איך אליין בין א כהן, א זוהן פון די רגזנים. אָבער אלעם מיט רוגזה קען מען קיין גוטעס ניט אויפטאָהן, ווען מען וויל פאר־בעסערען די מענשהייט, מוז מען געהן מיט גוטען. „אל תוכח לץ״, זאָג ניט דעם לץ אז ער איז א לץ, „פן ישנאך״. ער וועט דיך פיינט האָבען, און וועט פון דיר ניט לערנען מעהר. „הוכח

לחכם״ זאָג דעם לץ אז ער איז א חכם, „ויאהבך״, וועט ער דיך ליעב האָבען און דו וועסט קענען איהם ברענגען אויף א גוטען וועג. „דברי חכמים בנחת״ איז יא, „נשמעים״. (עד כאן).

**א גוטען וואָרט** אין דעם ענין וועלען מיר פארשטעהן. „תחנונים ידבר רש, ועשיר יענה עזות״. די גמרא זאָגט, „כסף וזהב מטהר ממזרים״. גאָלד און זילבער רייניגט ממזרים. אזוי ווי א באוואוסטער רב פלעגט געבען כבוד צו חברה וואָס זיינען פורק עול התורה. אָבער זיי פלעגען דאָך געבען צדקה, האָט דער רב געזאָגט: זיי רייניגען זיך מיט אזא זייף, מיט די געלד פון צדקה. אייגענטליך, וואָס מיינט עם „כסף וזהב מטהר ממזרים״ גאנץ פשוט. די גמרא זאָגט דאָך מגו דחצוף כולי האי ש״מ ממזר הוא. ד.ה. אז ווען איינער איז א גרויסער חצוף, איין עזות פנים, איז עם א סימן אז ער איז א ממזר, דאָס איז אלעם ריכטיג ווען ער איז איין אָרימער, אָבער ווען ער איז א רייכער, איז דאָך „עשיר יענה עזות״, ממילא קומט אוים אז „כסף וזהב מטהר ממזרים״. דערפאר זאָג איך, שרייט ניט ברידער, איהר זענט דאָך ניט קיין גרויסע עשירים.

אמאָהל דארף מען דאָך געהן מיט רוגזה, אזוי ווי פינחס בקנאו את קנאתי אָדער צום ביישפיעל, א שוחט, א שו״ב דארף מען האָבען דעם מענשען וואָס קען טאָהן אזא ארבייט, עם איז דאָך א מלאכת הק׳, נאָר דאָך ווערט אזא מענש גע־בוירען אין מזל מאָדים. און אויב א שוחט איז ניט קיין מכנים אורח איז א שאלה אויף זיין שחיטה. ווארום די תורה זאָגט: „ולא נתן אדום לעבור את ישראל בגבולו״. איז א סימן אז: „ויט ישראל מעליו״. אז די אידישקייט איז אוועק פון איהם. און א שוחט דארף האָבען יראת שמים.

א שוחט איז אמאָהל געשטאַנען פאר א רב ווען ער האָט גענומען קבלה. איז ער געשטאַנען און געציטערט. זאָגט דער רב צו איהם: „שוחט, האָב א כלל, אז ווען דו שטעהסט פאר׳ן רב שטעל זיך פאר אז דו שטעהסט פאר׳ן אָקס. אָבער ווען דו

שטעהסט פאר'ן אָקס, שטעל זיך פאר אז דו שטעהסט פאר'ן רב ממילא וועט זיין אלעם עפ"י דין.

## דרשה ב.

## מלחמת היצר. מלחמת העצבות

**ויקח את האבן** אשר שם מראשותיו (רש"י) מתחילה מאבני ואח"כ אבן, לשון יחיד. התחילו אבנים מריבות זע"ז עלי יניח צדיק ראשו. עלי יניח. מיד עשאן הקב"ה אבן אחת. א מערקווירדיגע זאך, אז נאָך ביז היינטיגען טאָג קריכען די שטיינער צו יעקב'ס קאָפּ. די אנטיסעמיטען האלטען נאָכאנאנד אין איין ווארפען שטיינער אויף יעקב'ן.

איך האָב באגעגענט א באקאנטען אידען צוזאמען מיט זיין באָי אין גאַס. פרעג איך איהם אויב דער באָי קען עפּים לערנען? ענטפערט ער מיר: „רבי! דיזער באָי האָט דאָך איין אייזערנעם קאָפּ!" בין איך זעהר צופרידען צו קענען דעם אייזערנעם קאָפּ, און פרעג איהם וויפיעל בלאַט גמרא ער געדענקט בע"פ. זאָגט ער, ניין, קענען קען ער גאָרניט, נאָר מען רופט איהם „דער אייזערנער קאָפּ" ווייל די אנטיסעמיטען האָבען איהם געוואָרפען גענוג שטיינער אין קאָפּ, און אז ער איז געבליבען לעבען איז ער איין אייזערנער קאָפּ. —

איינמאָהל האָב איך באגעגענט דעם בראנקסער אלטינקען למדן. פרעג איך איהם: וואָס מאַכט איהר? ענטפערט ער מיר: ער איז צופרידען, ווייל ער שלאָפט אויף א שטיין. „סטייטש", פרעג איך איהם, „ווארום שלאָפט איהר ניט אויף א בעט?", — „פארשטעהט איהר מיך", האָט ער געזאָגט, „איך בין צופרידען אז איך שלאָף נאָך אויף'ן שטיין און ניט דער שטיין אויף מיר". והאבן אשר שמתי מצבה יהיה בית א-ל-קים. ד.ה. דערווייל שלאָף איך נאָך אין שוהל, אין פּאַליש, אויף א באַנק. און מיט דער מצבה האָב איך נאָך צייט.

אויף א רעסטאָראַן וואָס איז קעגען דער סעמעטערי, היינגט א שילד מיט די ווערטער: מענשען קומט אהער, דאָ איז פיעל

# תבת נח

בעסער ווי קעגען-איבער... און דאָ ווען יעקב לויפט פון דעם מערדער׳ס הענד, אָרים און עלענד, צו לבן׳ן אין גלות, „כי בא השמש״ די זוהן איז דוכט זיך אונטערגעגאנגען, די נאַכט פון גלות פאנגט זיך אָן, אָבער יעקב שטארקט זיך! א לעבעדיגער מענש קומט אלעם איבער! „ויקח מאבני״ ער האָט גענומען פון די אלע שטיינער וועלכע זיינען איהם אין דעם וועג פון לעבען געליגען, און האָט געזאָגט: „והאבן אשר שמתי מצבה יהיה בית א-ל-קים.״ וועט זיין א בית המקדש. און „עבדו את ה׳ בשמחה״, פרעהליך זאָל זיין.

לזה הרעיון.

**די תורה** ווערט אָנגערופען „אבן״. שני לוחות האבן. און להבדיל דער יצהר״ע ווערט אויך גערופען „אבן״. (יחזק׳) „והסירותי לב אבן מבשרכם״. אָט די צוויי, דער יצ״ט מיט׳ן יצהר״ע האָבען געוואָלט יעקב׳ן. „עלי יניח צדיק ראשו! וזה אומר: עלי יניח צדיק ראשו!״ וואָס-זשע טוהט יעקב? „פגע בך מנוול משכהו לביהמ״ד.״ און יעקב זאָגט אזוי: איך ווייס דאָך אז דער יצהר״ע רעדט איין דעם מענשען און וויל איהם ברענגען וואָס שנעלער אויף דער סעמעטערי. די ערד און די שטיינער פרעגען אלעמאָהל: ווען וועט אָט דער וואָס איז גענומען פון מיר, קומען צוריק צו מיר? הילודים למות. דער סיסטעם זייערער איז צו עפענען דעם מענשען גרויסע אויגען, מאכען איהם פאר א בעל תאוה, ער זאָל מקנא זיין, און זאָל וועלען אסך כבוד. „הקנאה, והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם״. זאָגט יעקב: איך האָב צייט מיט׳ן שטארבען! מיט דער מצבה. בעסער „יהיה בית א-ל-קים״. מיר וועלען געהן אין בית המדרש, אין וועג פון תורה, ווייל „דרכיה דרכי נועם, וכו׳. עץ חיים היא. ארך ימים בימינה״, דאָס זאָגען די חז״ל: „ויתיצבו וכו׳ אם תקבלו את תורתי, מוטב. ואם לאו, שם תהא קבורתכם״. וואָס מיינט די גמרא „שם״. שם, איז דאָך דער טייטש דאָרטען. האָט דאָך די גמרא געדארפט זאָגען „פה תהא קבורתכם״, אָט דאָ

# תבת נח

וועט זיין אייער קבורה! נאָר מיר ווייסען אז די חז"ל האָבען געזעהן די צוקונפטיגע דורות, און זיי האָבען פאָראויסגעזעהן אמעריקא מיט'ן לעבען פון לוקסוס און רייכטהימער. האָבען זיי געזאָגט אזוי: איהר לערנער, תלמידי חכמים, איהר געוויינט זיך בעסער צו צו א לעבען פון איין אָרימען מצב, פון „בתחתית", איז דערפאר ווען עס וועט חלילה פאסירען א צייט פון קריזים, פון פינאנציעלע אָרימקייט, וועט איהר זיך ניט דערשרעקען אזוי ווי דער געאיבטער אַטלעט דערשרעקט זיך ניט פאר א געשלעג, און איהר וועט אלעס איבערקומען, און עס וועט נאָך דעם קומען גוטע צייטען, מיט דער גאולה. „ואם לא", אויב איהר ווילט ניט נעמען די תורה וועלכע לערענט געאיבטקייט אויף אלע געביטען, — און אנדערש קען מען די תורה ניט לערנען סיידען מען איז ביי זיך איין עניו, איין געפאלענער — דאן, ווען די קריטישע צייטען וועלען קומען איז דאָך חו"ש „שם" דאָרטען אין יענע לענדער און אין די יעצטיגע צייטען, איז דאָך „תהא קבורתכם", איהר וועט דאָס ניט אריבערטראָגען חלילה. און אזוינע מענשען באגעהן זעלבסטמאָרד ר"ל. אָט דעם מאַראל ווייסען אלע ישיבה בחורים און אלע לומדי תורה. אָבער די בעה"ב דארפען האנדלען אנדערש, זיי דארפען זיין תומכי תורה, און ניט ווי א געוויסע שוהל האָט זיך גערופען „מחזיקי הרב" בלויז אין נאָמען, און געוועזען זיינען זיי „מזיקי הרב".

א דאָרפסמאַן וועלכער האָט צוגעזאָגט א ישיבה בחור קעסט, האָט איהם געגעבען בלויז ברויט מיט זאלץ און אביסעל וואסער, און געהייסען שלאפען אויף דער ערד. ווען זיי זיינען געקומען צו א דין תורה צום רב, האָט דער ישוב'ניק גע'טענה'ט אז ער איז מקיים ווי אין פרק איז געשריבען: „פת במלח, מים במשורה ועל הארץ תישן". האָט דער אב"ד געזאָגט צו איהם עס איז א ליגען! דו ביזט ניט מקיים! ווארום אין פרק זאָגט דער תנא: „אם אתה עושה כן," דו זאָלסט אליין אזוי טאָהן, זאָלסטו אליין עסען זאלץ, א.ז.וו. אָדער דעם מאמר פון ר"ל אין דער גמרא: „אין התורה מתקימת אלא במי שממית עצמו עליה". דאָרטען זאָגט ער „עצמו", זיך אליין! ליידער זיינען

אונזערע אידען אלעם מקיים אויף יענעם. „אורך ימים בימינה״ ווען דער רב זאָגט א גוטע דרשה, גיבען זיי איהם די רעכטע האנד, און זאָגען: רבי־ניו, לאנג לעבען זאָלט איהר! אָבער צום לעבען גיט מען איהם ניט. אָבער „בשמאלה״ ביי די רעפאָרמער איז „עושר וכבוד״, זיי גיבען דעם רבאי די מיטלען צום לעבען. זעהט ברידער! שטיצט די תורה! „ותומכיה מאושר״.

## דרשה ג.

## לחתונה

**ויעבוד יעקב ברחל שבע שנים**, ויהיו בעיניו כימים אחדים. עס איז א פראגע: ווארום האָט יעקב אליין געזאָגט אז ער וויל ארבייטען זיבען יאָהר פאר זיין כלה רחל. יעקב איז דאָך געוועזען מיט אלע מעלות, א בר יחוס, און א שיינער, א גע־זונטער א גבור. מעגליך אז לבן וואָלט גאָרניט פארלאנגט פון איהם אזא שוועהרע ארבייט פאר זיבען יאָהר. לבן וואָלט זיין צופרידען אז ער נעמט זיין טאָכטער אָן נדן. נאָר דער ענטפער איז פשוט: ווען יעקב איז געקומען איז ער געוועזען זעהר אָרים ווייל אליפז האָט דאָך ביי איהם אלעס צוגענומען. האָט לבן דער פאליטישען, ניט געקענט באגרייפען וואָס דאָ איז פאָר־געקומען. יעקב האָט איהם ניט געוואָלט דערצעהלען אז ער איז אנטלאָפען פון זיין ברודער עשו, אז יענער וויל איהם הרג'נען ווייל ער האָט ביי איהם צוגענומען די ברכות מיט דער בכורה. דאָס וואָלט דאָך ניט געוועזען קיין גוטע רעקאמענדיישאן, האָט ער איהם דערצעהלט אז רבקה זיין מוטער האָט איהם געשיקט ער זאָל נעמען א מיידעל פון דער אייגענער פאמיליע, און אז די מיידלאך פון כנען וויל ניט די מוטער ווייל זיי זיינען ניט קיין גוטע. אז דער פאליטישען האָט געהערט אז יעקב מוז אָנקומען צו איהם, פאר זיין טאָכטער, איז אזוי ווי א קאָרופטער סוחר אז ער זעהט אז מען מוז קויפען זיין סחורה, דאן רייסט ער די הויט, זאָגט אזוי לבן צו איהם: „הכי אחי אתה ועבדתני חנם״. הער דו יעקב! דו ביזט ניט מיין ברודער. פאר דער ארבייט וועל איך דיר באצאָהלען און מיין מיידעל וועט זיך נעמען איין אנ־

# תבת נח

דער חתן א רייכען׳ דערפאר האָט איהם יעקב געאָפּפערט א לאנגע דיענסט פון 7 יאָהר. און ווייל יעקב האָט דאָך עס געטוהן אויף דעם פערלאנג פון זיין מוטער, האָט איהם די 7 יאָהר אויסגעקוקט ווי איינינע טעג, ימים. די שעהנע רחל איז עס ווערטה געווען.

אין וואָלאָזשינער ישיבה איז אמאָהל געקומען א וועלט שדכן. „בחורים!״ זאָגט ער, „אין וועלכען בוך ווילט איהר זיך פארשרייבען? די שעהנע מיידלעך גיבען נאָר צוויי הונדערט רובעל נדן. אָבער די מיאוסע גיבען טויזענד. האָט דער קלוגער ישיבה בחור געענטפערט אז בעסער די שעהנע ווייל מיט דער מיאוסער וועט מען דארפען צוצאָהלען צו יעדער טאָכטער טויזענד רובעל וועט עס קאָסטען טייערער.— אין די פריערדיגע סדרות האָט דאָך לבן געזאָגט „את״, דו ביזט „לאלפי רבבה״ דו ביזט במקום פון דעם נדן. און נאָך א געדאנק איז אין די ווערטער: „אחותינו את היי לאלפי רבבה״, זיי האָבען איהר גע־זאָגט: שוועסטער! האָטש דו וועסט רייך ווערען, דאָך פארגעס ניט אָן אונז און האלט זיך ניט גרויס קעגען אונזער פאמיליע! האָטש „לאלפי״ אָבער „רבבה״, וועלכעס מיינט: אין ר״ת: רבקה בת בתואל הארמי.

## דרשה ד.

## אחדות אין פאָלק.

**ויברכני** ד׳ בגללך. (רש״י) כשבאת לכאן לא היו לי בנים שכתוב והנה רחל באה עם הצאן אפשר יש לו בנים ושולח בתו אצל הרועים, ועכשיו היו לו בנים וישמע את דברי בני לבן.

**רבותי!** דאָ אין דער סדרה זאָגט די תורה אז לבן האָט אליין מודה געווען אז ער איז געבענשט געוואָרען מיט אלעם דורך יעקב׳ן אפילו מיט זיהן. פריהער האָט ער נאָר געהאט טעכטער אָבער פון זינט יעקב איז געקומען תיכף לת״ח ברכה בבני חיי ומזוני. וועלען מיר דערמיט פארשטעהן א פסוק אין דער סדרה „בלק״ וואָס בלעם דער גרויסער נביא, דער

# תבת נח

פאליטישען און אנטיסעמיט, האָט געזאָגט מיט משל ומליצה „מן ארם ינחני בלק מלך מואב, מהררי קדם״ — „וישא משלו, מן ארם ינחני״ פון ארם קום איך ארויס, ווייל ער איז דאָך איין אָפשטאַמונג פון לבן הארמי, „בלעם בן־בנו של לבן״. און מלך מואָב קומט דאָך ארויס פון הררי קדם, אין דעם זכות פון די אָבות, אברהם, יצחק ויעקב, וועלכע ווערען אָנ־גרופען „הררי קדם״: די ריעזען די בערג: דורך אברהם׳ן איז דאָך לוט געראַטעוועט געוואָרען פון מהפכת סדום, און דאַן איז ארויס געקומען די נאַציאָן מואָב, און אלע אנטיסעמיטען וועלכע אידען האָבען זיי געהאָלפען צום לעבען און זיי געהאָדעוועט, קומען נאָכ־דעם און ווילען דערהרג׳נען אלע אידען, „מהרסיך ומחרביך ממך יצאו.״ ניט ווי אייניגע דענקען אז „מהרסיך ומחריביך ממך״ מיינט מען חלילה די פושעי ישראל, ניין! געווים ניט פושעי ישראל „אין אור גיהנם שולטת בהן״, ק״ו ממזבח הזהב (בגמ׳). זעהט־זשע אידען! לערענט פון דעם א לעסאָן, און האָדעוועט ניט דעם אנטיסעמיטיזם „מחה זכר עמלק״, און זייט מקרב איינער דעם צווייטען די פושעים מיט די ריקנים, ווייל אפילו די ליידיגע אידען זיינען דאָך אויך פול מיט מצוות „כפלח הרמון רקתך״ — רקתך, אפילו די ליידיגע זיינען כרמון (בגמ׳).

## דרשה ה.

### סוף אָדם — א מענש זאָל באטראכטען די ענדע.

### והשיבתיך אל האדמה הזאת.

רבותי! אויסער דעם געווענליכען פשט דאָ אין פסוק, וועלכער מיינט אז גאָטט זאָגט צו יעקב׳ן אז ער וועט איהם ברענגען צוריק אהיים צו זיין לאנד, צו זיין ערד. ליעגט דאָ נאָך א געדאנק אין די ווערטער וואָס די תורה האָט אויסגעשפראָכען „אל האדמה״ צו דער ערד און ניט אל הארץ. צו דעם לאנד. צוויי ארענדארעס האָבען זיך געלאָדען וועגען א שטיקעל לאנד א שטיקעל ערד, דער זאָגט עס באלאנגט צו איהם, דער אנדערער זאָגט עס באלאנגט צו איהם. זיי האָבען זיך ניט געוואָלט פאר־

# תבת נח

מיטלען אויף א פשרה און מען האָט ניט געקענט דערגעהן דעם אמת. זאָגט דער רב צו זיי: איך וועל אָנפרעגען ביי דער ערד, פילייכט וועט זי זאָגען צו וועמען זי באלאנגט. ווען דער רב האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד, פרעגען זיי איהם: רבי! וואָס איז דער ענטפער? „קינדער מיינע, האָט דער רב געזאָגט, די ערד זאָגט גאָר פארקערט פון אייךביידען. זי זאָגט אז זי באלאנגט ניט צו אייך ביידען, נאָר איהר ביידע באלאנגט צו דער ערד. „סוף אָדם למות", דער מענש זאָל האלטען דעם כלל פאר די אויגען, וואָלט ער קיינמאָהל ניט געטאָהן קיין שלעכטעס זיין חבר, ווייל אם ענדע דארף מען דאָך ענטפערען דעם דין. דריי מאָהל איז דאָ אין דער תורה „וראיתם". וראיתם את הארץ, וראיתם על האבנים, וראיתם אותו. האָט גאָט געזאָגט צו יעקב'ן „ושמרתיך בכל אשר תלך". צו וואָס דארף די תורה זאָגען: בכל אשר תלך? ושמרתיך איז דאָך גענוג! נאָר די תורה זאָגט: תלך אפילו ווען דו וועסט געהן פון דער וועלט, אין דעם לאנגען וועג פון „הלך ילך ובכה", אָדער „בכו בכה להולך", איז דאן אויך, וועל איך דיך היטען. געוועהנליך, ווען דו וועסט היטען די תורה.

עס איז דאָ צוויי ליכט. איינע איז ביי דעם מענשען, דאָס איז די נשמה. און די צווייטע ליכט איז די תורה. „נר מצוה ותורה אור", נר ד' נשמת אָדם. זאָגט גאָט: אויב דו וועסט האלטען מיין ליכט זאָל לייכטען, די תורה זאָל ניט אויסגעלאָשען ווערען חו"ש וועל איך האלטען דיין נשמה זאָל ניט אויסגעלאָשען ווערען דיין לעבען יונגערהייט. „כי הם חיינו ואורך ימינו", ד' צלך ע"י ימינך" דער רבש"ע טוהט דיר מדה כנגד מדה, און וויפיעל דו ווילסט פאר זיך אליין אזוי פיעל זאָלסטו טאָהן פאר דער תורה. א מענש האָט אמאָהל געשיקט געלד אין די מלחמה יאָהרען, דורך א דעלעגאַט צו זיין פרוי, טויזענד דאָלאר. האָט ער געזאָגט צום דעלעגאַט: האנדעל מיט יושר, און גיב מיין פרוי דארטען אין ווארשע, וויפיעל דו ווילסט. נאָר מיט יושר. דער וועג איז געווען מסוכן'דיג דאן, מיט די סאָבמארינס, און ווען ער איז ענדליך געקומען אין פוילען האָט ער געפיהלט ביי זיך אז ער וויל 975 דאלאר פאר זיין רייזע און 25 דאָלאר האָט ער גע־

## תבת נח

געבען פון די טויזענד דאָלאר צו דער פרוי. די פרוי האָט איהם גערופען צום בית-דין און זיי האָבען איהם געפרעגט וויפיעל וויל ער פאר זיין שליחות, האָט ער געזאָגט אז 975 דאלאר. האָבען זיי גע'פסק'נט ער זאָל איהר געבען 975 דאָלאר ווייל אזוי האָט ער אָפגערעדט מיט איהר מאן. אָט דערפאר איז א גנב דארף באַצאָהלען צווייםאָל, ווייל וויפיעל ער האָט יענעם געוואָלט מאַכען ווייניגער אזויפיעל דארף ער באַצאָהלען צוזאמען מיט'ן קרן, „כאשר זמם לעשות לרעהו, ממילא איז שנים.

## דבר קצר להפטרה הושע (סי' י"ב)

„כי ישרים דרכי ד' וצדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם."

מען דערצעהלט אויף'ן „נודע ביהודה" אז ער האָט באַנוצט דעם וואָרט „וחסידים יכשלו בם", ווייל צוליעב צופיעל הכנות פארשפעטיגען זיי זמן קשמ"ע של שחרית. האָבען די חסידים געבעטען דעם פובלישער אז ביי דער צווייטער אויסגאבע זאָל ער אריין שטעלען „ופושעים יכשלו". האָט דער נודע ביהודה געזאָגט: איך האָב געמאַכט פון פושעים חסידים און זיי מאַכען פון חסידים פושעים ד. ה. מיר דארפען אויסאיידלען די פושעים און מחזיר זיין זיי למוטב, „ודע מה שתשיב". עס איז ניט געשריבען וואָס צו ענטפערען איין אפיקורס, נאָר וויים ווי אומקערען איהם. שתשיב.

א חסיד, א גראָבער מענש, איז אמאָהל געקומען צו א רבי'ן, פרעגט איהם דער רבי: וואָס ווילט איהר דאָ? זאָגט ער: איך בין געקומען צום רבי'ן לערנען זיך ווי צו דיענען גאָט. זאָגט דער רבי צו איהם: פאָלג מיך, אז גאָט איז זעהר, זעהר דין. דקה מן הדקה, לית ביה מחשבה תפיסא כלל. בעסער זעה דין זיך אליין אביסעל אוים. וד"ל. ד. ה. אז א רבי איז דער וואָס באגרייפט דעם מענשליכען געדאנק און קען לערנען די גראבע מענשען מענשליכקייט מעהר ווי אלעם. (ע"ב.)

# וישלח

## דרשה א.

## די אנטיסעמיטען האָבען ליעב אידיש געלד.

„ויתן ביד עבדיו ויאמר עברו לפני ורוח תשימו בין עדר ובין עדר"

מורי ורבותי! דער וואָרט „עדר" האָט אין אידיש גאָר איין אנדער באדייטונג. אָבער דער געדאנק פון דעם וואָרט „עדר" וועט דאָ זעהר פאסען אין אידיש׃ יעקב האָט פאָראויס געזעהן די צוקונפטיגע דורות. ער האָט געזעהן אז מען וועט זיינע קינדער זעהר פלאָגען אין גלות און זיי וועלען אימער דארפען געבען מתנות אָדער שוחד. (בגמ׳) כגון אלישע בעל כנפים. אז די רוימי־שע מלוכה האָט ארויס געגעבען א גזירה אויף אידען אז מען וועט האַפּען א אידען לעגען תפילין וועט מען איהם הרג׳נען׃ האָט אלישע געוואלט צייגען אז אידען זאָלען זיך ניט שרעקען און יאָ לעגען תפילין. דערצעהלט די גמרא׃ אז אלישע איז ארויס מיט תפילין אויפ׳ן מארק, האָט איהם א רוימישער בעאמטער נאָך געיאָגט און אלישע האָט אראָפּגענומען די תפילין אין האנד. זאָגט צו איהם דער אויפזעהער׃ „וואָס איז ביי דיר אין האנד?" ענטפערט אלישע׃ „די פליגלען פון א טויב." און אזוי איז געוואָרען ביי איהם אין האנד. דערפאר רופט מען איהם אלישע בעל כנפים. דער מהרש"א זאָגט דאָרטען׃ אז אלישע האָט גע־זאָגט די פליגלען פון א טויב, אזוי ווי די פליגלען באשיצען די טויב, אזוי איז די כנסת ישראל, וואָס די מצות באשיצען זי׃ און די כנסת ישראל איז געגליכען צו א טויב. — עס איז דאָ אָבער א רבנישער וויץ, אז אלישע האָט געזאָגט צו דעם נאָטשאַלניק׃ נעם א פויגעל, ד.ה. א דאָלאר האַבאַר, שוחד, און פליה, געה אוועק פון מיר. — אָט דאָס זאָגט יעקב׃ „ורוח תשימו" לאָזט א אידען פארדיענען א רוח בין עדר, איידער משיח וועט קומען. איהר אנטיסעמיטען ווילט דאָך שוחד, טאָ לאָזט האָטש פאָר־דינען עס זאָל זיין פון וואנען צו געבען אייך.

# תבת נח

## דרשה ב.

## יגיע כפיך.

**ויותר יעקב לבדו.** (רש"י) שכח פכים קטנים. די גמ' ערקלערט די אורזאכע וואָס יעקב איז געבליבען איינער אליין, האָטש אַ ת"ח טאָר דאָך באנאכט ניט געהן אליין, — ניט ווי די וועלט וויצעלט זיך, אז א רב אין ניו יארק איז אמאָהל גע־גאנגען שפעט באַנאַכט, האָט ער געזאָגט אז די היגע שדים האלטען מיך ניט פאר קיין רב דערפאר האָב איך ניט מורא, ניין, ניט דאָס איז די אורזאכע. נאָר די ריכטיגע אורזאכע איז ווייל צדיקים זיינען זיך מפקיר אויף זייער געלד ווי אויף זייער גוף, ד. ה. צדיקים ממונן חביב עליהם כגופן. עס איז לאָגיש אויך, ווייל „יגיע כפו", די וואָס ארבייטען אין די היצען און קעלטען, אין רעגען אין שניי און שטורעמס, זיינען דאָך ביי זיי די געלד בלוט. „דמים תרתי משמע". דערפאר איז יעקב געבליבען בא־נאכט.

א פרוי איז אמאָהל געווען ביי א רבי'ן און האָט זיך בא־קלאָגט אז זי איז קראנק אויף הויי־בלוט פרעשור. זאָגט דער רבי צו איהר: גיט אביסעל געלד אויף צדקה וועט איהר מאכען קלענער דעם פרעשור פון די דמים. אָדער א איד איז אמאָהל ארום געגאנגען אין שוהל און געזאָגט תהלים. „יגיע כפיך כי תאכל". האָט א פרוי פון עזרת נשים געזאָגט אז עס איז אגרייז. זי דענקט אז עס איז „יגיע כפיך", (האָפ־ע־ך) ווייל וואָס מען האָפט ניט האָט מען ניט. אָבער דאָ ביי יעקב'ן איז די געלד און די קריגע־לאך געווען מיט בלוט־פארדיענטע. דערפאר האָט ער זיך אומגעקערט צוליעב די פכין קטנים, לפי שהצדיקים אין פושטין ידיהן בגזל. ביי זיי איז ניט כפיך, אָבער ווען מען דארף גיבען האָט ער געגעבען מיט דער ברייטער האנד. דאָס איז עפ"י גמ' (חולין) אָבער עפ"י רש"י איז דאָ איין אנדער געדאנק. רש"י זאָגט: „שכח" ניט „נשתיר". רש"י וויל האָבען אז איינצושטעלען דעם לעבען אין סכנה טאָר מען ניט. ער האָט פארגעסען יעקב אז די תורה זשאלעוועט אידישע געלד, ביי די נגעי הבית זאָגט

# תבת נח

די תורה: ופנו את הבית בטרם יבא הכהן לראות. (רש״י שם) די כלי חרם אפילו, כדי זיי זאָלען ניט ווערען טמא. היינט א ק״ו אז אויב אידיש געלד איז אזוי ווערטהפול, איז דאָך א אידישער לעבען געוויס זעהר ווערטהפול. נאָר שכח ק״ו מפכים קטנים, רש״י האלט אז מען זאָל די געלד ניט זשאלעווען ווען עס איז א פראגע פון א מענשען. איך וואוט פאר רש״י׳ן.

## דרשה ג.

## „ממון הוא דבר אמצעי, לפי הזמן״.

**ויאבק איש עמו.** (בגמ׳) העלו אָבק עד כסא הכבוד, ויאבק לשון אבק. דאָס הייסט זייערע טענות האָבען געגרייכט צו גאָט. יעקב צייגט דאָ ארויס מוראָ׳דיגע גבורה. ער ראנגעלט זיך מיט עשו׳ס שר פון הימעל, א מלאָך. דער פריעדליכער יעקב וואָס וויל זיך ניט שלאָגען, וויל שלום אום יעדען פרייז, ווארפט דעם מלאך אויף דער ערד, אין שטויב „ונתתי שלום בארץ״ ער ווארפט דעם שלום פארוואָס? ווייל „ויגע בכף ירכו״, די רויבער האָבען ביי איהם צוגענומען אלעס, דעם גאנצען פארמעגען. „ואת היקום״ זאָגט דאָך די גמרא, מיינט מען געלד וואָס שטעלט דעם מענשען אויף די פיס, און זיי, די אנטיסעמיטען, זעהט יעקב, ווען צונעמען ביי דעם אידען דעם ירכו, דעם מעמד, דעם עקזיסטענץ, ביי זיינע קינדער, די יוצאי ירכו. „על פת לחם יפשע גבר״, ר״ל, אידען הונגערען, זיינען נאַקעט און באָרוועס, אויף די פעלדער, אָן א היים, אָן א דאך איבער׳ן קאָפּ. פריהער איז „ולא יכול לו״. דער שר של עשו קען יעקב׳ן ניט באזיגען. אין די עפּאָכעס פון אנטיכוס עפיפנוס ביז ניקאָלאי ימ״ש. טאָרקוועמאדא און אלע המן׳ס ווילען אלע אומבּרענגען דאָס אידישע פאָלק. זיי שטרענגען זיך אָן מיט אלע מיטלען ווי צוואנג צום שמד׳ען איהם, אָדער זיי שיקען ארויס פרעדיגער און נשמה חאפּער צו איבעררײדען די וויניג באוואוסטזיניגע. אָבער דער נביא (ישעי׳ נ״ד) זאָגט: „כל כלי יוצר עליך לא יצלח, וכל לשון תקום למשפט תרשיעי״, זיי פארפייניגען דעם אידען צום טוידט, פארגיסען זיין בלוט טייכענווייז, אָבער ולא יכול לו. דער איד בלייבט ביי

זיין אמונה. נאָר ווען מען נעמט ביי ישראל'ן צו די פרנסה, און ישראל איז אָרים, ישיבות ווערען צוגעמאכט, חדרים, ת"ת, ניטאָ קיין מיטלען מיט וואָס אויסצוהאלטען, ערציהונגס אנשטאַלטען און עס איז דאָ א סכנה שלא תשתכח תורה מישראל, דאָס הייסט „והוא צולע על ירכו". די יוצאי ירכו זיינען אין סכנה אז „ויותר לבדו" יעקב זאָל בלייבען חו"ש אָן זיינע קינדער, זיי זאָלען חלילה אָפּקעהרען פון אידישקייט. ויזרח לו השמש: דאָס איז דער סימן אז די גאולה איז נאָהענט, אז עס איז עקבתא דמשיחא, ווארום אין עקבתא דמשיחא איז דאָך „תכלה פרוטה מן הכים". וואָס הייסט: מן הכים? פון פאַקעט. אויב עס איז דאָ.— אפילו רייכע אידען וואָס האָבען געלד, איז אָבער די צרה וואָס די רייכע גיבען ניט אויף די תורה אנשטאַלטען, ווייל זיי טראָגען ניט קיין געלד אין פאַקעט זייער געלד איז אינוועסטעט, אין הייזער, אין בענק, אין מאָרטגעדזשעס, אין סטאַקס, און אויב זיי גיבען יאָ, ווילען זיי דאָך אזוי ווי א געוויסער אדווערטייזינג אגענט האָט געוואָלט אז במקום פון „אָמן" זאָל מען אויף יעדע ברכה ענטפערן דעם גביר'ס נאָמען. אָט די מענשען פארשטעהן ניט אז די געלד איז אזא זאך וואָס מען קען טאָהן גוטעס דערמיט, נאָר ביי זיי איז עושר שמור לבעליו לרעתו.

אָט דערמיט האָט יעקב באַזיגט דעם שר של עשו וועלכער האָט געטענהט: צו וואָס האָט יעקב צוגענומען די ברכות? האָט איהם יעקב איבערצייגט אז ער דארף די ברכות מיט די רייכ־טהימער כדי צו קענען זיין א גוטער מענש און א גוטער איד, אָן געלד איז ווייזט אוים שווער צו זיין א איד· א מזוזה, תפילין, לערנען קינדער, צדקה, — עס איז אלעס אזוינע מצות וואָס מען דארף זיין „הנני מוכן ומזומן", מען דארף מזומן דערצו·

**דבר קצר.** ע"כ לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה. גיד דייטעט אָן אויף די תעניתים. ג' איז צום גדליהו. ג תשרי. י' איז עשרה בטבת. צוזאמען „גיד" איז בגים' י"ז תמוז, ע"כ לא יאכלו. עסט מען ניט נאָר מען פאַסט.

## תבת נח

## דרשה ד.

## עשו איז מודה

„לא אשלחך כי אם ברכתני, ויאמר לא יעקב יאמר עוד שמך כי אם ישראל״.

רבותי! מען דארף קענען פארשטעהן אז זיי האָבען זיך ביידע אזוי שטארק געראנגעלט, טאָ וואָס זשע בעט ער פון איהם א ברכה? און וואָס פאר ברכה גיט ער איהם? ער בייט איהם דעם נאָמען! ברשי״ כאן קשה לרש״י: תברכני הל״ל, אלא הודה לי על הברכות. רש״י זאָגט ער האָט ניט געבעטען ביים שר א ברכה, נאר ער האָט געזאָגט: זיי מיר מודה אויף די פריהער־דיגע ברכות, דו זעהסט דאָך אז אויף אָפהיטען אידישקייט דארף מען די מעות, מזומן! ויאמר לא יעקב יאמר, מען קען ניט זאָגען ניט אז ביזט א מענש וואָס לאָזט זיך צוטרעטען, — דו ליגסט ניט ביי יענעם אונטער׳ן קנאַפעל. נאָר דעם אמת מעג מען זאָגען אז ישראל וועלכעס מיינט „ישר אל״, א געטליכע קראפט איז אין דיין פאָלק. „זרעך כעפר הארץ״, מען קען די ערד ניט צוטרעטען און די גאנצע לעבענס פראָדוקציע איז פון דער ערד, גאָלד, דיימאָנדס, עסענווארג, אָן דער ערד קען מען ניט אויסקומען און אזוי קען א לאנד ניט אויסקומען אָן אידען. „מעשה אָבות סימ׳ לבנים״, ישראל ר״ת יש ששים רבוא אותיות לתורה. דער מלאָך האָט איהם געזאָגט אז דאָס אידישע פאָלק קען ניט אונ־טער געהען, ווייל עס איז געגליכען צו דער תורה, וויפיעל אידען עס זיינען ארויס פון מצרים אזוי פיעל אותיות איז דאָ אין דער תורה. און די תורה איז דאָך איין אייביגקייט! אָט דאָס איז דער פשט פון „מנין לתחית המתים מן התורה? שנאמר: אָז ישיר משה וועלען מיר אזוי לערנען: מנין לתחית המתים? פון וואנען ווייסען מיר אז די מתים וועלען נאָך אמאָהל לעבעדיג ווערען, מן התורה, אזוי ווי די תורה האָבען די רשעים געברענט און צוי־טענווייז צוזאמען מיט איהרע תלמידי חכמים, וואָס האָט ר׳ חנינא בן תרדיון געזאָגט צו זיינע תלמידים ווען ער האָט גע־ברענט צוזאמען מיט דער ס״ת? אז גוילין נשרפים ואותיות

פורחות, דאָס הייסט אז נאָר דער פּאַרמעט ווערט פאַרברענט, אָבער מען וועט שרייבען אנדערע ספרי תורות. און אז מיר ווילען וויסען וועגען תחית המתים איז מן התורה נעמען מיר א משל פון דער תורה. אזוי ווי די תורה איז אייביג אזוי איז אויך ישראל.

## דרשה ה.

## והלך לפניך צדק

**וישלח מלאכים,** (רש"י) מלאָכים ממש. וואָס וויל דאָ רש"י אויסדריקען מיט דעם געדאנק: „מלאכים ממש"?

**רבותי!** מלאָכים איז דאָך דער טייטש דאָ, „שלוחים". וואָלט איך וועלען זאָגען אז רש"י זאָגט טאקע אויך די זעלבע מלאָכים שלוחים, נאָר וואָס-זשע דען, אמת'ע געטרייע שלוחים. אזוי ווי רש"י זאָגט אויף'ן פסוק: מי לך כל המחנה. אז זיי האָבען עשו'ן שטאַרק געשלאָגען. און אז עשו האָט געזאָגט שלאָגט מיך נִיט, איך בין יצחק'ס א זוהן און אברהם'ס איין אייניקעל, האָט גאָרניט געהאָלפען, ביז ער האָט געזאָגט „יש לי רב אָחי", איך האָב א ברודער א רב. — עס איז א מערקווירדיגע זאַך אז ביז היינטיגען טאָג איז דער זעלבער ענטפער ווערט געברויכט ביי די וואָס ווילען ניט געבען קיין צדקה, אזוי ווי לרב איז דאָך תרבה נחלתו, טייטשען זיי „טאָרבע" זיי שטעלען ארויס דעם רב אז ער איז איין אָרימאַן און זיי זאָגען: יש לי רב אָחי! מיר האָבען איין אייגענעם רב, איז ער איין אָרימאַן, קען מען שוין מעהר פאר קיין אנדער צדקה גאָר ניט טאָהן. וויל דאָ רש"י געבען צו פארשטעהן אז די שלוחים האָט מען ניט געקענט נאָרען מיט אזוינע תירוצים. אזוי ווי אמאָהל א פעהיגער משולח פון א ישיבה. וואָס מען קען איהם ניט פטר'ן מיט אזעלכע תירוצים.

די גמרא סוטה זאָגט, „כל העושה מצוה אחת מקדמתו והולכת לפניו שנאמר והלך לפניך צדקך. ואם עושה עבירה מלפפתו והולכת לפניו ליוה"ד שנאמר: ילפתו ארחות דרכם.

# תבת נח

ווארום איז די מצוה געהט פאַראויס און די עבירה וויקעלט זיך און טשעפעט זיך איין אין דעם בעל עבירה? ווילען מיר עס פאַרשטעהן דורך א משל. א קעניג האָט געשיקט זיינע צוויי אדיוטאַנטען אז זיי זאָלען לאַדען זיינעם א פריינד, א גרויסען דאָקטאָר צו זיינער א שמחה. ווען די אדיוטאַנטען האָבען געמאָלדען דעם דאָקטאָר אז דער קעניג וויל איהם האָבען צו דער שמחה, האָט ער געהאט א גרויסע אפעריישאָן צו מאַכען און ער האָט זיך ענטשולדיגט אז ער קען ניט געהן צו דער שמחה פון קעניג. ווען זיי האָבען געזעהן אז ער וויל ניט געהן, האָבען זיי איהם גענומען שלעפען מיט געוואלד, שטאַרק צושלאָגען איהם און געבראכט איהם א פארבלוטיגטען צום קעניג. איהר קענט זיך פריינדע, אליין פאָרשטעלען די טראַגי־קאָמעדיע וואָס עס איז געווען. דער קעניג האָט אָנגעזאָגט די אדיוטאַנטען אז זיי זאָלען האָבען מעהר שכל. אין א קורצע צייט שפעטער האָט מען געזוכט א גרויסען גנב וועלכער איז שוין פיעלע מאָהל אנטלאָפען פון די גרעסטע פריזאָנס, און אזוי ווי די אדיוטאַנטען זיינען דאָך די געטרייעסטע דינערס, האָט מען זיי געשיקט ברענגען דעם גנב, און מען האָט זיי אָנגעזאָגט מיט מעהר שכל ווי אמאָהל. ווען זיי האָבען געטראָפען דעם גנב, האָט ער זיך געטרייסעלט פון שרעק! זאָגען זיי צו איהם: פיליי‌כט איז דער הער פארנומען! זאָל ער זיך ניט פאָרכטען, מיר ווילען עס מעלדען צום קעניג. מיר ווילען דעם הער מיט געוואלד ניט נעמען ווייל מיר האָבען שוין יעצט מעהר שכל ווי אַמאָהל. ווייזט אויס אז זיי זיינען געווען בעלעמער חכמים. אָט דאָס מיינע פריינדע, זאָגט דאָ רש"י: מלאָכים ממש! אמת'ע שלוחים, חכמים. זיי האָבען דאָך געזעהן עשו'ס צוועק, זיין כונה מיט די פיער הונדערט מענשען וואָס ער האָט מיט גענומען. האָבען זיי איהם שטאַרק געשלאָגען און געשלעפּט. ביז ער האָט זיך געבעטען: יעקב איז דאָך מיין ברודער! דאן האָבען זיי איהם אָפּגעלאָזט.

אָט דער זעלבער געדאנק איז: דערפאר געהט די מצוה פאַראויס אָבער די עבירה טשעפעט זיך איין אין מענשען, „מלפפתו".

# תבת נח

## דרשה ו.

## ריינע ברודער ליעבע.

**ויקחו שני בני יעקב** שמעון ולוי אחי דינה איש חרבו. (רש"י) לפי שמסרו עצמן עליה נקראו אחיה.

**רבותי!** רש"י ערקלערט אז דערפאר זאָגט די תורה אָט די ווערטער „אחי דינה" האָטש מיר ווייסען דאָך שוין פון ביפאָר ווייל ברידער זיינען נאר די וועלכע זיינען געטריי איינער דעם צווייטען, אפילו פרעמדע מענשען וואָס באלאנגען אין איין אָרגאניזיישאָן, ווערען אויך אָנגערופען ברידער, צוליעב זייער פריינדשאפט. אָבער די תורה זאָגט „שני" ווייסען מיר דאָך אז שמעון ולוי זיינען צוויי. נאָר דער ענטפער איז: זיי זיינען געגאנ-גען מיט באזונדערע כונות.

א רייכער מאַן איז קראנק, ביים טיהר פון זיין צימער דרעהען זיך ארום די קרובים מיט ערנסטע פנים'ער און ווארטען אויפ'ן פראָפעסאָר וואָס אונטערזוכט דעם קראנקען, ער זאָל ארויס קומען. ווען דער פראָפעסאָר קומט ארויס רינגלען זיי אים ארום און פרעגען מיט א פארשטיקט געוויין: הער פראָפעסאָר! ווי האלט עס מיט'ן קראנקען אָנקעל? שלעכט, זאָגט דער פראָ-פעסאָר, א קוק געבענדיג אויף די קרובים: איך קען אייך אָנזאָגען די טרויעריגע בשורה אז ער וועט ווידער געזונד ווערען.

אָט דאָ מיינע פריינדע, לערנען מיר פון די ווערטער „שני" און „אחי דינה", דעם מאָראל פון געטריישאפט וואָס עס דארף עקזיסטירען צווישען ברידער און שוועסטער· און די ריכטיגע כונה, די אמת'ע ריינע ברידער ליעבע ווערט אין די שפעטערדיגע צייטען איבערצייגט, ווען פון שמעון'ן קומט ארויס זמרי בן סלוא דער אונמאָראלישער נשיא, און פינחס וועלכער קומט ארויס פון לוי'ן דערשטעכט איהם מיט דער אונמאָראלישער פרוי· און ער איז זיך מפקיר מיט זיין לעבען צו ברענגען דאָס פאָלק אויף א מאָראלישען וועג. ווייזט אוים אז דער צוועק פון שמעון'ן איז דאן נים אזוי געווען געגען אונמאָראלישקייט, ווי נאר הייסע ליעבע

## תבת נח

צו דער שוועסטער.— אפילו אין שכם בן חמור איז אויך געוועזען א פונק פון גוטעס, „והאָרץ רחבת ר"ת: ר' חנינא בן תרדיון איז ארויסקומען פון איהם. אָט דאָס מיינט „נפשו חשקה" זיין נשמה.

## דרשה ז.

## אחרית הימים.

„ויזרח לו השמש והוא צולע על ירכו." אז די זון פון הצלחה שיינט אויף צו יעקב'ס קינדער, די ירכו, מיינט מען די קינדער יוצאי ירכו, איז צולע, פאנגען זיי אָן אונטער צו הינקען אויף אידישקייט כאשר עבר את פנואל. זיי קערען זיך אָפּ פון גאָט. פנו־אל. אָט דאָס האָט יעקב מורא געהאַט. ער האָט געזאָגט: „קטנתי מכל החסדים ומכל האמת" צוליעב די צופיעל חסדים וואָס גאָט האָט געטאָהן מיט מיר בין איך פיליכט געוואָרען קאליע אויף'ן אמת, „ועתה הייתי לשני מחנות" צוויי גרופּעס אידען, רעפאָרם און אורטודוקס. און יעקב זעהט ווי די אנטי־סעמיטען וועלען פייניגען זיינע קינדער און זיי וועלען מאַכען אוים אידען, אוים פאָלק, עס וועט שוין האלטען אזוי ווייט אז „והוא צולע" אָבער מיט אמאָהל איז דער אלטער זקן, ישראל סבא, הויבט זיך אויף פון דעם טייך בלוט, דעם ווארימען, א גלייכער, א מעכטיגער, און א געשריי געטאָהן מיט א קול וואָס אין איהם האָט גערוישט פרישעס בלוט, יוגנם און פייערדיגעס! אָה! איהר בלינדע קרעפּטען איהר פינסטערע! איהר ווילט מיך פארניכטען?! איך האָב פאר אייך קיין מורא ניט! איך בין דער אייביגער איד און די בלינדע בייזע קרעפטען האָבען זיך באַ־האלטען, פארשוואונדען און די זוהן האָט אויפגעשיינט, די גאולה. ויזרח לו השמש, שמש צדקה, מרפא בכנפיה, ושביה בצדקה.

# וישב

## דרשה א.

## דין וחשבון

„ויתנכלו אתו להמיתו". (רש"י) אותו, כמו אתו, עמו. כלומר אליו.

רבותי דער ווארט „אותו" ווערט דאָ אויסגעטייטשט אין רש"י גאָר אנדערש ווי מיר וואָלטען איהם אליין פארשטאנען רש"י ערקלערט אז זיי האָבען גע„סקיעמט" צוזאמען מיט איהם ד. ה. זיי האָבען מיט איהם זיך בעראטהען וויאזוי צו פאראור־טהיילען איהם צום טוידט. א וואונדערליכער משפט! אז דער באשולדיגטער דארף אויף זיך אליין ענטשיידען דעם טוידט ר"ל. דערפאר זאָגט די תורה „ויתנכלו". זיי האָבען „גע'סקיעמט" מיט גיפטיגער חכמה, ווארום וועלכער מענש וועט דען זיך אליין פאראורטהיילען צום טוידט?

אין פרק אָבות (ג) זאָגט דער תנא: ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון. פאַראוים זאָגט דער תנא דין און נאָך דעם „חשבון". פריהער דארף מען דאך אויפרעכנען און בא־טראכטען די מעשים און ערשט נאָכדעם קומט דער דין. דער דין אמת, ער משפט דעם מענשען ווי אזוי ער באהאנדעלט זיין חבר מענשען. מדה כנגד מדה. אז דער מענש קומט אויף'ן עולם האמת דערצעהלט מען איהם אָט די אלע מעשים זיינע, און מען זאָגט איהם אז דאָס האָט איין אנדער מענש געטאָהן, און מען פרעגט איהם דעם אורטהייל, דעם פסק דין און נאָכדעם חשבון'ט מען איהם אזוי, דערפאר איז ליתן דין וחשבון.

איין אָרימאן האָט געפיהרט אויף זיין וועגעלע די פסח'די־גע זאכען פאר יו"ט. אין מיטען וואלד האָט אויסגעבראָכען א שטורם מיט א גרויסען רעגען, עס האָט אלעס חמץ'דיג געמאכט. און דערצו איז ער נאָך אריין מיט דעם וועגעלע אין א בלאָטע און האָט ניט געקענט ארויס. האָט ער זעהר געוויינט. איז דורך געפאָהרען א פאָדריאטשיק און הערט דעם געוויין. האָט ער גע־

## תבת נח

הייסען זיין משרת פאַהרען צום אָרט פון וואנעט מען הערט דעם געוויין. ווען ער האָט דערזעהן וואָס דאָ האָט פּאַסירט, האָט ער צוגעשפּאַנט זיינע סוסים צום אָרימאַן׳ס ווענעלע און געבראכט דעם אָרימאַן אהיים, און דערצו האָט ער איהם נאָך צוגעגעבען פופציג דאָלאר אויף פסח. ווען דער פּאָדריאַטשיק איז געשטאָרבען, האָט מען אויף יענער וועלט געוואויגען די עבירות זיינע מיט עטליכע קליינע מצות, און אזוי ווי די וואָג איז געווען זעהר שוועהר מיט עבירות, האָט ער געדארפט געהן אין כף הקלע אין גיהנום. האָט אָבער א מלאַך גענומען לייגען אויף דער וואָג פון די מצות בלאָטע, זעהר פיעל בלאָטע. „וואָס איז דאָס פאר א בלאָטע?" פרעגט מען איהם, „דאָס איז די בלאָטע פון וועלכע דער פּאָדריאַטשיק האָט ארויסגעשלעפּט דעם אָרימאַן ערב פסח. די וואָג ביי די מצות איז געוואָרען שוועהר, האָט אריבערגעוואויגען די עבירות און ער האָט זוכה געווען ביים דין צו געהן מיט אלע צדיקים אין גן עדן אריין. — אלעס וואָס דער מענש טוהט פאר זיינע מיטמענשען ווערט עס באַצאָהלט מדה כנגד מדה. זעהט ברידער פאראורטהיילט ניט יענעם נאָר טוהט ווי דער פּאָדריאַטשיק. זייט ניט ווי יענער גביר וואָס וויל ניט אריין לאָזען איין אָרימאַן אין זיין הויז ווייל טאָמער ווערט דער אָרימאַן אָנטראָגען בלאָטע און ער זשאַלעוועט די פּלאָר. „ברוך מרחם על הארץ" זייט בעסער „ברוך מרחם על הבריות", א איד וואָס מען רופט איהם ברוך, זייט בעסער ר׳ ברוך, א מרחם על הבריות.

## דרשה ב.

## דין וחשבון — מדה כנגד מדה

**וילכו אחיו** לרעות את צאן אביהם בשכם. עס איז דאָך א פראגע: די תורה זאָגט: זיי זיינען געגאַנגען פּיטערען זייער פאָטער׳ס שאָף, און וואו איז זייער אייגענע שאָף?

**רבותי!** די תורה לערענט אונז דאָ מיט די ווערטער „אביהם" און „בשכם". אז ווען זיי האָבען געמשפּט יוסף׳ן האָט מען זיי די ברידער אויך גלייך געמשפּט אין הימעל. אביהם איז

# תבת נח

ר"ת אתם בעצמכם (י) עשרה הרוגי מלכות. חאָטש זיי זיינען נאָר געווען נייַן, נאָר בשכם, בעבור שתוף כבוד מלכותו, זיי האָבען געמאַכט א חרם אז קיינער ניט אפילו גאָט זאָל ניט אויס-זאָגען יעקב'ן. האָבען זיי באַצאָהלט פאר גאָט אויך. די גרעסטע צדיקים, די גרעסטע תנאים, ר' ישמעאל כ"ג, ר' חנינא בן תר' ר' עקיבאַ, וכו.

די ווערטער „מה בצע כי נהרג את אחינו". בצע ר"ת: עשרה צדיקים בעבורו. ראובן האָט געזאָגט: אָנה אני באָ? אָנה אני ר"ת אל נקמות. ד' אל נקמות הופיע.

דער רבי ר' ברוך'ל מעזשבושער האָט געפרעגט הערשעלע אָסטראָפאָליער וואָס ער וועט ענטפערן צום דין לעלמא דקשוט. האָט הערשעלע געענטפערט אז א שלעכטער בעל חוב ווען ער באַצאָהלט פיער חלקים אויף'ן חוב ד. ה. אכציג פראָצענט, דארף מען זיין צופרידען, און פון די פינף בעל כרחך'ס האָב איך באַצאָהלט פיער, אָבער דעם בעל כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון וועל איך זאָגען שענקט מיר. איך בין באנקראָט. הייסט דאך אז הערשעלע האָט ענטשולדיגט אלע שלעכטע בעלי חובות וואָס באַצאָהלען פיער חלקים. דערפאר האָט דער רבי ז"ל מסכים געווען אז דאָס וועט העלפען. לעלמא דאתי. מדה כנגד מדה.

אין „הלל" זאָגען מיר: הים ראָה וינס, הירדן יסוב לאחור. במד"ר: מה ראה? ראה ארונו של יוסף. און דער ירדן איז געווען אין יהושע'ס צייטען. ווארום-זשע ביים ים איז: וינוס, און ביים ירדן איז: יסוב? מדה כנגד מדה. ווייל יוסף איז אויך אנטלאָפען. וינס ויצא. ווי קען זיין פריהער אנטלויפען דערנאך ארויס געהען? וואָס דאָס איז דאך דער טייטש פון וינס ויצא, נאָר ויצא איז ר"ת: וירא צורת אביו און רש"י זאָגט אויך: ראה דמות דיוקנו של אביו. דאָס הייסט וינס. ער איז אנטלאָפען פון דער עבירה. פארוואָס? ווייל ער האָט געזעהן דעם געשטאַלט פון זיין פאָטער יעקב. יעקב האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט פאר'ן געדאנק, ווי ער זאָגט איהם: טוה עס ניט מיין קינד! און אזוי ווי יוסף אנטלויפט פון איין עבירה אזוי מוז אויך

דער ים אנטלויפען פאר יוסף'ן. האָטש יוסף איז שוין טוידט, משבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים. די ווירקונג פון דעם צדיק יוסף'ן איז אפילו נאָך'ן טוידט, ווארום ער איז דאָך אויך אנטלאָפען פון א בילד פון זיין פאָטער יעקב ווען ער האָט זיך איהם בלויז פאָרגעשטעלט. אָבער אין דער אמת'ען איז דאָך יעקב דאָרט ניט געוועזען.

## דרשה ג.

## מדה כנגד מדה וגם הפסד עם הארצות

**והבור רק אין בו מים** (רש"י) מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו. דער וואָרט „אין" איז ר"ת: **אבל יש נחשים.** זיי האָבען איהם פאר'משפט צו א טוידט פון שלאַנגען ווייל דער שלאַנג איז דאָך דער ערשטער בעל להר"ע, און ער האָט דאָך אויך גערעדט אויף זיי להר"ע „את דבתם רעה אל אביהם." עפ"י הגיון קען מען זאָגען אז דער פסוק לערענט אונז אז דער מענש וואָס איז געגליכען צו א „בור" דאָס הייסט, א פוסטער מענש, „והבור אין בו מים", דער בור וואָס האָט אין זיך קיין מים „אין מים אלא תורה, שנ' „הוי כל צמא לכו למים". איז אויב אז „מים אין בו", מיינט עס „אין" ר"ת: **אבל נחשים יש בו,** שלאַנגען זיינען דאָ אין דעם פוסטען מענשען „אין בור ירא חטא". און אזאַ בור איז א מזיק אזוי ווי א שלאַנג.

„**ארבעה אבות נזיקין,** השור, הבור, המבעה וההבער." שור, מיינט מען דעם בעל גאוה, וואָס ער שטעכט אזוי ווי איין אָקס שטעכט מיט הערנער. מבעה, זה שן. דאָס מיינט מען דעם וואָס נעמט צו ביי יענעם, דער וואָס עסט אין פרעמדע פעלדער דער מסיג גבול. הבער, מיינט מען דעם רגזן, וואָס ווערט אויפ־גערעגט אויף יעדער ווילע. א היציגער מענש. — אלע גרויסע מזיקין — אָבער „הצד השוה שבהן שדרכן לילך ולהזיק, אבל בור, — דאָס איז דער ערגסטער מזיק — שאין דרכו לילך" יענע מזיקים האָבען אין זיך א געפיהל פון געהן, פון לערנען, און דערפאר זיינען זיי ניט אימער שעדליך אָבער דער „בור" איז

דאָך ניט באַלעהרענד, ער געהט ניט פאַראויס, איז ער נאָך מעהר שעדליכער „שדרכו להזיק״.

רבותי! איך וויל אז איהר זאָלט באַגרייפען אז עס איז גראַדע דאָ אַזוינע מענשען וואָס זיי זיינען ניט געלערענט און אפילו ניט באַלעזען, און זיינען גראַדע גוטע מענשען, צייטענווייז מעהר ווי די געלערענטע. יענע, מיינע פריינדע, זיינען ניט קיין „בור״ים, „בור,״ מיינט מען דעם וואָס גראָבט א בור, דער וואָס גראָבט אונטער דעם יושר, די מענשליכקייט.

דער הייליגער תנא, ר׳ עקיבא האָט אויף זיך אליין דערצעהלט צו זיינע תלמידים, אז ווען ער איז געווען איין ע״ה האָט ער געפלעגט זאָגען: „גיט מיר א ת״ח וועל איך איהם בייסען ווי איין אייזעל״. פאַרוואָס ווי איין אייזעל און ניט ווי א הונדט? ווייל דער אייזעל בייסט און ברעכט איבער די ביינער.

„גדולה שנאה שע״ה שונאים לת״ח יותר ממה שהעכו״ם שונאים לישראל״. דער ע״ה וואָס דענקט אז ער קען און לאָזט זיך ניט לערנען יענער איז א שעדליכער מענש אין דער געזעלשאַפט, ווייל די אונוויסענהייט ווען זי איז טיעף איינגעוואָרצעלט, ד.ה. בור, שטערט עס דעם גאַנג פון דער וועלט, פונקט ווי די גרוב. און ניט איינמאָהל צוברעכט מען הענט און פיס צוליעב א גרוב.

איך זעה אַמאָהל אין א שוהל ווי אַ איד קלאַפּט מיט די פיס און מיט די פויסטען אין וואַנט, פרעג איך איהם: וואָס איז די אורזאַכע? צייגט ער מיר אין סידור אז ער מיינט די שונאים, „הוא ירחם עם עמוסים ויזכור לנו ברית איתנים״, אָט די שונאים זאָגט ער, מיין איך. — גאָט זאָל זיך דערמאָנען און זיך נוקם זיין אין זיי. — אָדער אַזא איד טאַנצט אין מיט׳ן דאווענען אין די סליחות, און זינגט מיט שמחה: „אם עונותינו ענו בנו! פרעגט מען איהם: וואָס איז די שמחה? זאָגט ער: האָטש מיר האָבען געזינדיגט, איז „ענו בנו״, זיינען מיר גאָט׳ס קינדער!

איינער האָט אַמאָהל געקלאַפּט אין שוהל אז מען זאָל אויפשטעהן ווען דער בעל תפלה האָט געדאווענט, איהר ווייסט

פארוואָס? ווייל „מפני שיבה תקום", פאר א גרייז דאַרף מען אויפשטעהן. — איך וויל דערמיט אייך געבען צו פאַרשטעהן, מיינע ליעבע צוהערער, אַז אַט די חברה פּראַסטאַקעס, זיי פּרע־גען ניט וויאַזוי טייטשט מען דעם וואָרט, זיי האַלטען זיך אַז זיי קענען. און זיי ווערען אָפּט די פיהרערס פון קהל, ווייל: „הדיוט קופץ בראש". נו, ממילאָ, קענט איהר דאָך פאַרשטעהן וויאַזוי זיי פיהרען. מיט'ן קאָפּ אַראָפּ. פון דער ערציהונג פון א קינד אין א ת"ת, ביז דעם העכסטען גראַד פון צדקה, עקזיסטירט א שלעכטע אָרדנונג. די ווירקונג פון אזא סיסטעם איז שלעכט. די וואָס דאַרפען לערנען אידישקייט און מענשליכקייט חבר'ן זיך מיט די עמי־הארצים און האָבען פיינדט די אייגענע ת"ח.

איינמאָהל האָט א רב געשריבען צו זיינעם א חבר, א רב, פּיער אותיות: ק"ק נ"נ, וואָס מיינט בלע"ז ר"ת: „קאַליקאָ קאַליעקו ניע נאַווידזשי"· אזוי ווי א קאַליעקא וואָס בעט נדבות, האָט פיינט דעם אנדערען בעטלער דעם קאַליעקא, ווייל ער איז איהם א קאָמפּעטישאָן, אזוי איז ר"ל די לערנער, די ת"ח, און מדה כנגד מדה", אַז זיי האָבען פיינט איינער דעם צווייטען, מעגען דאָך די „בורים" געוויס זיי פיינט האָבען; אַז איין איד האָט פיינט דעם צווייטען ר"ל, און וויל ניט האַנדלען מיט איהם מעג דאָך דער אַנטי־איד געוויס איהם באָיקאָטירען. עס איז דאָ אזא ווערטעל ביי דער חברה: שותפות מיט א אידען איז נאָר גוט אין „אַנעים זמירות", מיר אַ פסוק, דיר א פסוק; און טאָמער ווילסטו מעהר, האָפּ מעהר. אָט די ברודערליכע שנאָה צו יוסף'ן דעם בן־זקנים דעם בר־חכים האָט גורם געווען דעם גלות מצרים. „ר' נחמן ור' יצחק הוו יתבי קמי ר' יצחק נפחא, חד אָמר לימא לן מר שמעתתא, וחד אָמר לימר לן מר אגדתא", האָט ער זיי געגעבען א משל, פון אַ מאַן וואָס די אַלטע ווייב רייסט איהם די שווארצע האָר און די יונגע ווייב רייסט איהם די גרויע האָר, איז ער זעהר גוט אָפּ . . ברידער! דער אידישער פאָלק ליידעט פון די יעצטיגע מנהיגים, די גרופּעס מט פאַרשידענע שטרעבונ־גען, וועלכע שפּליטערען דעם פאָלק. זעהט איהר, די אַלטע מחלוקת צווישען חסידים ומתנגדים איז גראַדע געסעטעלט

געוואָרען אויף א פרידליכען וועג. ווייזט אוים אז עס איז געווען א מחלוקת לש"ש.

א איד האָט מיך געפרעגט: וואָס מיינט עס „חסיד"? האָב איך איהם ערקלערט מיט'ן פסוק פון נביא: „הצדיק אָבד ואין איש שם על לב, ואנשי חסד נאספו באין מבין, כי מפני הרעה נאסף הצדיק". דער היפך פון צדיק איז רשע, אָבער ר"ל אז „מפני הרעה" אז עס איז דאָ אזוי פיעל רעה, אז מען קען ניט רופען חלילה אלעמען ר"ל „רשע", און אז עס איז ניטאָ קיין וואָרט רשע, איז דאָך ממילאָ ניטאָ דער וואָרט צדיק, „כי מפני הרעה נאסף הצדיק". איז, „ואנשי חסד נאספו", זיינען מיר אלע חסידים, דאס איז דער פשט פון „ואנשי חסד".

## דרשה ד.

## לתפילין ולחנוכה.

**הכר נאָ** למי החותמת והתפילים. עפ"י הגיון איז חותמת תפילין. „וראו כל ע"ה כי שם ד' נקרא עליך", און פתילים, מיינט מען ציצית. ד.ה. אזוי, אז פיעלע אידען האָבען אוועקגעוואָרפען דעם טלית ותפילין, און גראדע אזוינע וואָס „הכר נאָ הכתנת" וואָס די העמדער זייערע זיינען איינגעטונקען אין בלוט פון די פאָגראָמען וואָס מען האָט זיי געבלוטיגט, אין די לענדער פון וואנען זיי זיינען אנטלאָפען. „ויהי כמשלש חדשים ויגד ליהודה לאמר: זנתה תמר כלתך. — פון תשרי פון יוה"ד ביז חנוכה איז דריי חדשים „זנתה תמר כלתך" דאָס אידישע פאָלק האָט אָפּגעקעהרט, דאָס מיינט, „זנתה", אין יענע צייטען פון די העלענים, די אַסימילאַנטען, „ויהי כמשלש חדשים" זאָגט די תורה אין דער סדרה, דאָס מיינט מען די דריי חדשים ביז חנוכה. „טמאו כל השמנים" זיי האָבען מטמא געווען אלע הייליגקייטען פון די מצות התורה וועלכע איז געגליכען צו שמן. „כי נר מצוה, ותורה אור" און אין יעצטיגע דורות אויך אזוי, די תורה זאָגט דאָ: „למי החתמת"? אז א באַי ווערט בר־מצוה, לייגט ער דען תפילין? „חותמת" מיינט מען תפילין. „כי שם ד' נקרא עליך" דאָס איז דער אידישער סטעמפּ. גאָט'ס נאָמען.

## תבת נח

עס האָט אמאָהל פּאסירט אז א באַי פון פופצעהן יאָהר וואָס איז געקומען אין שוהל צו זיין פאָטער'ס יאָהרצייט זאָגען קדיש האָט ער דאָך נעביך שוין קיין תפילין ניט געהאַט, זעהט ער ווי א איד האָט צוויי פּאָר תפילין, זאָגט ער צום אידען: לייהט מיר איין פּאָר תפילין, איהר האָט דאָך צוויי פּאָר. זאָגט דער איד צו איהם: דאָס איז רבינו תם'ס תפילין. זאָגט דער בחור'ל: ביז רבינו תם וועט קומען וועל איך שוין אָפּדאווענען, און וועל עס צוריק געבען.

**דער נס פון חנוכה** זאָגען די חז"ל, איז געווען וואָס דער קליינער קריגעלע בוים-אויל וואָס איז נאָך ניט טמא געווען און איז געווען מיט'ן סטעמפּ פון כ"ג, וועלכער איז נאר געווען גענוג אויף צו לייכטען איין טאָג, האָט עס געלויכטען גאנצע אַכט טעג. אזוי איז היינט! אָט די ביסעלע אידישקייט, די ביסעלע תורה, וואָס מען פלאנצט איין אין די תינוקות של בית רבן, וועט באלויכטען די וועלט! מפי עוללים ויונקים יסדת עוז.

ת"ר, מאי חנוכה? — א רב האט אמאָהל אנדערש גע־טייטשט דעם וואָרט „מאַי חנוכה". ער איז נעביך געוועזען א גרויסער אביון, איז ער ארויסגעפאָהרען איבער די דערפער צוזאמען קלייבען אביסעל געלד אויף דער הוצאה. האָבען זיך די ישוב'ניקעס געוואונדערט און געפרעגט ביי דעם רב: „רבי! היינט איז דאָך גאָר זומער און ניט חנוכה! ווי קומט איהר אהער יעצט נאָך חנוכה-געלד?" האט זיי דער רב געענטפערט: „תנו רבנן, מאַי חנוכה, אז די בני תורה וואָס לערנען זיינען אָרימעלייט, און עסען דארף מען דאָך, ווייל „אם אין קמח אין תורה", איז אין מאַי אויך חנוכה, און אין מאַי דארף מען אויך שטיצען די תורה.

זאָל אונז די היסטאָריע פון ענער צייט לערנען אז די אַסימילאַנטען האָבען אין די אַלע דורות געוואָלט פארלייקענען זייער אָפּשטאַמנוג אָבער „במקום אשר יאמר להם לא עמי אתם יאמר להם בני אל חי", די אנטיסעמיטען אליין שרייען זיי אין פנים: יודע! יודע! די עמלקים זאָגען: לייקענט ניט איהר זענט

# תבת נח

די קינדער פון דעם לעבעדיגען גאָט! און די ענדע איז גראדע גוט. „והיה מספר בני ישראל כחול הים”, ווארום גראדע כחול הים? וויבאלד אז מספר, טאָ ווי־זשע קען זיין „כחול הים”? איז די גמרא פרעגט עס און ענטפערט עס אויפ'ן בעסטען אָרט. אָבער מיר וועלען זאָגען איין ענטפער לפי רוח הזמן. אזוי ווי דער וואָס וויל עסען זאמד צוברעכט דאָך די ציינער, אזוי וועלען די רשעים וואָס ציילען די אידען און ווילען זיי אויפעסען, זיי פארלענדען, וועלען די ציינער צוברעכען, און אידען וועלען בלייבען אידען. דאָס איז דער פשט פון: מספר בני ישראל. איהר ווילט ציילען אידען, זיי זיינען אייך גרויס אין די אויגען כחול הים, טאָ היט אייערע ציין, איר חברה עמלקים! ווייל „שני רשעים שברת”.

איין אמעריקאנער איד איז געווען אין א מדינה וואו עס קאָסט ארויסנעמען א צאָהן, פינף־און־זיבעציג דאָלאר. און עס האָט איהם גראדע דאָרט א צאָהן וועה געטאָהן. איז ער ארויף צו א דענטיסט איהם ארויסנעמען, מאנט ער איהם פינף־און־זי־בעציג דאָלאר. פרעגט איהם דער אמעריקאנער פארוואָס אזוי פיעל געלד? פרעגט איהם דער דענטיסט: אין אמעריקא אז מען דארף ארויסנעמען א צאָהן דארף מען עפענען דעם מויל, אזוי ווי אין דעם עמלק־לאנד? — גאנץ געוויס! ענטפערט איהם דער אמעריקאנער איד. „נו, דאָרטען לאָזט מען א אידען עפענען דעם מויל, קאָסט בלויז פאר דעם צאָהן ארויסנעמען, אָבער דאָ לאָזט מען דעם מויל ניט עפענען. דערפאַר קאָסט אזוי פיעל געלד ביז מען קען דעם מויל עפענען, ארויסנעמען דעם צאָהן איז שוין א קלייניגקייט.” — אין יענער מדינה זאָלען זיי רייסען זייערע אייגענע ציין, און עס זאָל מקוים ווערען „שני רשעים שברת”... ובא לציון גואל, בב״אָ.

# מקץ

## דרשה א.

## דער לעבען.

**ויהי מקץ** שנתים ימים ופרעה חלם.

**רבותי!** ווען דער מענש באטראכט זיין ענדע, דעם מקץ, איז ויהי. „ויהי", מיינט עס, איז א צרה. שנתים ימים, די יאָהרען לויפען דורך אזוי ווי איינציגע טעג, ווי ימים. דער שטאַרבענדער מענש, ווען ער קען אלעם ארויסרעדען, וואָלט ער זיכער אָנגעזאָגט זיינע נאָהענטע אז עס איז א חלום. „ופרעה חלם", אפילו דער לעבען פון א קעניג, פון א פּרעה, איז אויך א חלום.

**די גמרא ברכות**, דף נ"ה, זאָגט: א"ר יונה, א"ר זירא כל הלן שבעה ימים בלא חלום נקרא רע. שנאמר, (משלי י"ט) ושבע ילין בל יפקד רע. אל תקרי שבע אלע שבע. די גמרא נעמט א וואָרט וועלכער שרייבט זיך שבע, (שאָבאָ) און בייט איבער דעם וועג ווי צו לייענען דעם וואָרט אלס שבע (שעבא) און ער־קלערט דערמיט אז דער וואָס עס חלומט זיך איהם ניט זיבען טעג איז ער א שלעכטער. ווארום?

איך דענק אז די גמרא וויל אויפקלערען דעם מענשליכען כאַראַקטער, דעם געדאנק פון לעבען. די וועלט זאָגט „א זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען". דאָס זאָגט דער חכם שלמה: שבע ילין בל יפקד רע". די גמרא ברכות דף ו' דריקט אוים דעם זעל־בען געדאנק אין די ווערטער: „אגרא דתעניתא צדקתא". דער פאַסטען ברענגט צו געבען צדקה. וויאזוי ברענגט דער פאַסטען צו ווערען א בעל צדקה? זאָגט דאָס די גמרא אין ב"ב י"ב. „קדם שיאכל אדם יש לו שתי לבבות". ביפאָר א מענש עסט האָט ער צוויי הערצער. איין האַרץ זיין אייגענע, און ער האָט נאָך א האַרץ, א פיהלענדע פאר הונגעריגע. אָבער אז ער איז אימער אָנגעגעסען זאט ווערט ער אָהן געפיהל דאָס הייסט „א זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען". שטימט עס אָבער ניט מיט דער

# תבת נח

פראקטישער זייט פון לעבען, ווייל עס זיינען דאָ זאטע און רייכע מענשען, וועלכע זיינען גרויסע פילאַנטראָפּען און בעלי צדקות. ווייסט איהר פארוואָס יענע רייכע, זאַטע מענשען, זיינען מיט'ן געפיהל פאר יושר און צדקה, ווייל דער בליק זייערער אויף די לויפענדע יאָהרען מאַכט זיי צו זעהן אז „כי לא במותו יקח הכל לא ירד אחריו כבודו". אָט דאָס זאָגט די גמרא דער וואָרט שבע (זאַט) איז דאָך ניט אלע מאָהל א פאַקט צו מאַכען דעם מענשען שלעכט. נאָר ווען שבע (זאַט) און דערצו נאָך שבע (זיבען) ילין בל יפקד, ער איז רייך, זאַט, און דערצו באמערקט ער ניט אז די יאָהרען לויפען ווי טעג, אזוי ווי א חלום, „כחלום יעוף", דאן איז ער א שלעכטער מענש. „ימי שנותינו", ימי גימ' ששים, (60) בהם, איינגע שבעים שנה, איינגע לעבען זיבעציג יאָהר, ואם בגבורות, שמנים שנה, ורהבם עמל ואון כי גז חיש. וואָס מיינט עס די אלע ווערטער? מיר וועלען עס פארגלייכען צו א מוכר בשר כשר, ווען ער וועגט אָפּ די פלייש צום קאָסטימער, ווארפט ער איהם צו נאָכדעם ביינער. הארטע ווי שטיינער, אזוי זיינען די געשיינקטע יאָהרען, נאָך זיבעציג, אין די מעהרסטע פעלע. און די זיבעציג יאָהר, זיינען איינגעטהיילט אין פעריאָדען פון זיבען צענדליג, וואָס לויפען דורך ווי זיבען טעג. (פ"ק אָבות). אָט דאָס איז אויך דער פשט אין דער תפלה וואָס מיר ווינען ביי איהר אזוי פיעל, „אל תשליכנו לעת זקנה! רבש"ע גיב אונז גוטע יאָהרען, ניט קיין צוגעווארפענע!

אָט דאָס, רבותי, לערנען מיר פון די ווערטער: מקץ שנתים ימים חלם". מקץ, אין ר"ת, ממון קול צום, און לפי דעתי, איז עס ר"ת ממון קדם צום, ניט ווי אין מחזור, אויף די ווערטער פון „תשובה ותפלה וצדקה", איז געצייכענט: צום' קול' ממון'. ניין! ווייל אין וואָרט מקץ, איז דאָך די מ' און ק' פריהער.

**דער לעבען** פן א מענשען לויפט דורך ווי א שאָטען פון א פויגעל וואָס לויפט דורך שנעל, און ניט ווי א שאָטען פון א בוים וואָס איז פאר א לאנגע צייט, „כצל עובר".

אָבער די צדקה וואָס א מענש טוהט איז איין אייביגקייט!

# תבת נח

„פזר נתן לאביונים, צדקתו עומדת לעד", פארוואס זאגט ער פריי־הער „פזר" און נאכדעם „נתן", ווייל דער וואס גיט צדקה, העלפט איהם גאט ער זאל קענען זיין א פזרן „פזר", ווייל „נתן לאביונים".

„עד שיכלו שפתותיכם מלומר די, די אותיות „די", רעדט מען נימ מיט די ליפען, וועלען די ליפען מיעד ווערען פון ניט ריידען אזוי זאגען די חז"ל אויפ'ן פסוק: „והריקותי לכם ברכה עד בלי די, עד שיבלו שפתותיכם מלומר די".

דער פסוק: „אם כסף תלוה את עמי את העני עמך", טייטשט מען מיט א לשון שאלה? „אם כסף תלוה"? צו באגלייט דען די געלד א מענשען ווען ער שטארבט, ניין! „את עמי"! וויפיעל ער האט געשטיצט די ת"ח, די תורה! עמי, מיינט מען ת"ח. (ב"מ ל"ג). את עמי, זיינען די וואס באהעפטען זיך מיט די ת"ח, און „את העני", וויפיעל ער האט געגעבען צו אירגענד וועלכען ארימאן, איז „עמך"! דאס נעמט ער מיט מיט זיך!

עס איז אמאהל א רייכער מאן געקומען צו א רב, ער זאל איהם שרייבען א צואה. „שרייבט, רבי, מען זאל מיר מיט געבען אין קבר אריין, צען טויזנעד דאלאר", „צו־וואס דארפט איהר געלד אין קבר?" פרעגט דער רב. „רבי! — זאגט ער — די גמרא אין כתובות קי"ב זאגט דאך: עתידין כל אילני סרק שבארץ ישראל שיטענו פירות שנאמר (יואל ב') כי עץ נשא פריו, תאנה וגפן נתנו חילם (רש"י) מדכתיב תאנה וגפן, ל"ל עץ? אלא עץ לרבות אילני סרק. — ווייזט דאך אויס אז עס וועט זיין צו תחית המתים גוטע פרוכט, וויל איך האבען געלדט עס זאל זיין מיט וואס צו קויפען." „עס איז קיין ספק ניט אז די גמרא איז ריכטיג", זאגט דער רבי צו איהם, אבער דו לאז די געלד צו די קינדער, און צו תחית המתים וועלען זיי דיר אפגעבען. דערווייל זאלען זיי מיט די געלד האנדלען און האבען פון דעם פרנסה." „רבי'נו! —זאגט דער איד,— מיינע קינדער זיינען ניט געוואוינט געווארען צו געבען!" „אזוי?! — זאגט דער רב — אויב דו האסט דיינע קינדער אזוי ערצויגען, וועלען זיי דיך אזוי טיעף באגראבען

אז דו וועסט שוין אפילו צו תחית המתים אויך ניט אויפשטעהן! דארפסטו זיך ניט צוגרייטען קיין געלד.״

**מקץ**, במ״ד הה״ד קץ שם לחשך, דער מדרש דערמאָנט נאָר דעם קץ און ניט דעם מ׳ פון מ-קץ, פארוואָס? ווייל צו אלעם שווייגט דער יצהר״ע ווי קול און צום, אָבער ניט צו ממון, ד״ה, צדקה. דעם „מם״, דאָס לאָזט ער ניט געבען! קץ שם, איין ענדע איין אָפּהאלטונג האָט ער געמאַכט צום יצהר״ע, צום חשך! בלויז קול, צום.

**ופרעה חלם** (ב״ב) בשעה שהלויתן רעב בועט ומבאיש כל מימות שבמצולה, ואלמלי נתן ראשו לג״ע אין כל בריה יכולה לעמוד בפני ריחה. — וואָס פאר א געדאנק איז דאָ אין דיזער אגדתא? גאנץ פשוט. די מעכטיגע טיראנען, די פרעה׳ס אָדער די גרויסע געלד-זעק, אָט די חברה זיינען ווי א לויתן, ווי שאַרקס, וואָס וואָלטען געוואָלט אלעם פון דער וועלט איינשלינגען, זיי זיינען קיינמאָהל ניט זאַט, אימער זיינען זיי הונגעריג, „אוהב כסף לא ישבע כסף״. נאָר דער גליק איז די אמונה אין א יענע וועלט, אין שכר ועונש. זיי ווילען דאָך אויך גן עדן, „מכניסים ראשם לג״ע״. אָט דאָס מאַכט זיי צו דערמאָנען זיך פון שטאַרבען פון דער ענדע, פון מקץ, ווערען זיי אביסעל אָנשטענדיג.

## דרשה ב.

## אלע חכמות אין דער תורה

**ויהי** כאשר פתר לנו כן היה. די גמרא אין ברכות נ״ה זאָגט: „מנין שכל החלומות הולכין אחר הפה, שנאמר: ויהי כאשר פתר לנו כן היה.״ דאָס הייסט די גמרא ברענגט א ראיה פון דעם פסוק אז דער חלום ווערט מקוים אזוי ווי מען איז איהם פותר. ווארום באַנוצט די גמרא די שפראך: שכל החלומות הולכין אחר הפה, און ניט „אחר הפתרון״? אזוי ווי דער פסוק זאָגט: כאשר פתר כן היה״.

**רבותי!** דער תלמוד, די תורה שבע״פ, האָט דאָך אין זיך אַלע חכמות אין דער וועלט, „הפך בה והפך בה, דכלא בה״, די

# תבת נח

חכמה פון מעדיצין איז אויך דאָ, און דאָקטוירים זאָגען אז ווען א מענש עסט א שווערען מאָהלצייט און לעגט זיך שלאָפען חלום'ט זיך איהם צופיעל. אָט דאָס איז דער פשט „כל החלומות הולכין אחר הפה" נאָכ'ן עסען פון מויל. אז די בעלי התלמוד זיינען געוועזען מלומד אין חכמת המעדיצין, ווייסען מיר דאָך פון שמואל ירחינאָה. און אין פיעלע ערטער, ווי די גמרא זאָגט. מען זאָל איינטהיילען דעם טאָג, א דריטעל שטעהן, א דריטעל זיצען, א דריטעל געהן. „שליש בעמידה, שליש בישיבה ושליש בהליכה". און דער וואָס עסט צו-שפּעט אויף'ן טאָג, אויב ער האָט גאָרניט טועם געווען פריהער איז כמטיל אבן לחמת. — אפילו ביי היינטיגע צייטען, איז דאָ רבנים וואָס פארשטעהען ווי צו העלפען א קראנקען. אָט הערט, רבותי!

א געוויסער ניו-יאָרקער בעקער באָס איז קראנק אויף „פלוראָסי". אלע דאָקטוירים גיבען איהם מעדיצין אויף צו שוויצען, נאָר ער קען ניט שוויצען! ווען דער רבאַי איז געקומען האָט ער געהייסען אז ער זאָל איהם געבען א צען-טויזענד דאָלאר און מען זאָל דעם קראנקען לעגען אויף א בעטעל, דאָרטן וואו ער וועט קענען זעהן וואָס ער טוהט מיט דעם געלד. דער רבאַי האָט אויפגעזאמעלט אסך אָרימעלייט און זיי אויסגעשטעלט אין א ליין, דאַן האָט ער געהייסען יעדען אָרימאַן וואָס וועט דורך געהן אין ליין, זאָל מען איהם געבען צען דאָלאר מיט א ברויט. עס זיינען געגאנגען די אָרימעלייט זעהר שנעל, און די געלד האָט מען שנעל אויסגעטהיילט אין א קורצע ווייל. האָט דער קאָרגער בעקער, זעהענדיג ווי זיין געלד גייט אוועק אזוי שנעל, אָנגע-פאַנגען גוט שוויצען פון ערגערניש וואָס מען צוטהיילט זיין געלד.

מיט די ווערטער „הולכין אחר הפה" ערקלערט אונז די גמרא אז חלומות זיינען פארבונדען מיט'ן פונקציאָן פון מענשלי-כען אָרט לעבען. אויסער אין געוויסע פאלען ווען עס חלומט זיך אויף טאָג, אָדער אויב עס חלומט זיך א מלך, א. ז. וו. ווייל דאַן פאַלט דאָך אראָפּ די סיבה פון „אחר הפה" און הפה האָט אין

זיך די ר"ת פון **ה**שנות **פ**תרון **ה**איר, וואָס דאַן איז דאָ ממשות אין דעם חלום.

עס האָט זיך אַמאָהל אַ חסיד גע'חלומט אַז ער וועט קומען אין אַמעריקאַ זאָל ער ווערען אַ רבי. איז ער אַוועק פותר חלום זיין ביי אַ ת"ח. האָט איהם דער ת"ח געזאָגט, אַז דער חלום האָט ניט קיין ווערדע. „וואָרום"? פרעגט ער. „גאַנץ פשוט!" האָט איהם דער ת"ח געענטפערט, „ווען עס חלומט זיך די חסידים אַז איהר זייט אַ רבי, וואָלט עס זיכער מקוים געוואָרען. דאָ, אַז יוסף האָט פותר חלום געוועזען די חלומות, און עס איז אַזוי מקוים געוואָרען, איז עס אַ סיעתא דשמיא געוועזען. אָט דאָס האָט פרעה געזאָגט צו יוסף'ן: „שמעתי עליך לאמר", איך האָב געהערט אַז מען רעדט אויף דיר להר"ע, מען „לאמר'ט" אויף דיר, נאָר וואָס דען, „תשמע חלום לפתור אותו", דו ביזט אַ חכם און דו קענסט אויפקלערען אַ חלום, מיט חכמה, ניט בנבואה.

**ויען יוסף** לאמר, בלעדי, דאָס וואָס מען לאמר'ט אויף מיר איז עס אַ ליגען. נאָר „אֱ-ל-קים יענה" עס איז אַ סיעתא דשמיא. פרעה האָט איהם געזאָגט אַז ער איז ניט קיין געטליכער מענש, ווייל מען רעדט דאָך אויף איהם אַז ער איז ניט קיין אָרענטליכער, נאָר וואָס-זשע דען? תשמע, דו ביזט אַ חכם און דו ענטפערסט עס מיט חכמה. האָט איהם יוסף געענטפערט : והאלקים יענה, אַז גאָט וועט ענטפערען אַלעס. ווייל דאָס איז נאָר בעלי להר"ע ריידען אויף איהם, און והאֱ-ל-קים יענה, גאָט, די מדת הדין, וועט זיך מיט זיי אָפּרעכענען!

## דרשה ג.

## בטחון.

**אשרי הגבר** אשר שם ד' מבטחו, זה יוסף הצדיק, ומשום שאָמר לשר המשקים זכרתני והזכרתני נתוסף לו ב שנים בבית הסוהר, הה"ד ויהי מקץ שנתים. — דערפאַר וואָס יוסף הצדיק האָט געבעטען דעם שר המשקים צוויי מאָהל, ער זאָל

# תבת נח

איהם דערמאָנען, דערפאַר איז ער געזעסען מיט (צוויי) יאָהר מעהר אין תפיסה.

רבותי! וואָס פאר איין עולה האָט יוסף געטאָהן דערמיט וואָס ער האָט געבעטען דעם שר המשקים אז מען זאָל דערמאָנען פאר פרעה'ן אז ער זיצט אומשולדיג אין פריזאָן. א מענש וויל זיך ראַטעווען פון צרות, פון אַ בלבול! וועלען מיר פארשטעהען דעם ענטפער צו דער פראגע מיט א משל.

עס זיינען געקומען צום רבי'ן צוויי חסידים, תבואה הענדלער, יורדים, לא עלינו. זאָגט דער רבי צו זיי ביידען:— „אידען! פאָהרט אהיים! שטעהט אויף אין דער פריה, זייט מתפלל און לאָזט זיך ארום אויסער'ן שטאָדט וואו די סוחרים פאָהרען אריין מיט תבואה, און דער רבש"ע זאָל אייך באגליקען און מזמין זיין אייך פרנסה". זיינען זיי געפאָהרען יעדער צו זיין שטאָדט און האָבען געטאָהן אזוי ווי דער רבי האָט זיי גע־הייסען. איינער פון די צוויי געהט אזוי ארום צווישען די וועגע־נער מיט תבואה, און קיינער פרעגט איהם גאָרניט, מען באַ־מערקט איהם גאָרניט. פארלירט ער באלד דעם געדולד, די האָפ־נונג וועגען פרנסה, און בכדי צו צו־ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די סוחרים, האָט ער געגעבען א הוסט, איינמאָהל און דעם אנדערען מאָהל. איינער פון די רייכע סוחרים האָט דערזעהן א אידען נעביך, ער הוסט! האָט ער רחמנות געהאָט אויף איהם, און האָט צוזאמען געקליבען פאר איהם א היבשע נדבה. מיט'ן צווייטען יורד איז ניט אזוי געוועזען. ער האָט ניט פארלאָרען זיין געדולד, און ער האָט ניט געהוסט. ער האָט זיך אזוי לאַנג ארומגעדרעהט ארום די תבואה וועגענער, ביז איינער פון די סוחרים האָט איהם דערקענט און ער האָט איהם פאָרגעשלאָגען אַ מסחר פון וועלכען ער האָט זעהר באגליקט, און איז נתעשר געוואָרען. דעם קומענדען יאָהר ווען ביידע סוחרים זיינען געוועזן ביים רבי'ן, האָט זיי דער רבי געגעבען צו פארשטעהן די אור־זאַכע פארוואָס איינער האָט באגליקט און דער אנדערער איז געבליבען איין אָרימאַן. איין וואָרט, „בטחון", מיינע צוהערער!

## תבת נח

בטחון! אמת'ער בטחון! — יוסף האט זיך צופיעל ערנידעריגט פאר'ן שר המשקים· האטש עס איז דאך דא א רש"י: תעלא בעידניה סגיד ליה. און האטש די חז"ל זאגען: לעולם יהא אדם רך כקנה· אבער „זכרתני והזכרתני" איז צופיעל פאר אזא צדיק ווי יוסף·

א איד מיט א לאנגע אטלעסענע קאפאטע, איז געלאפען מוצש"ק גלייך נאך הבדלה. פרעגט איהם א בעקאנטער: וואהין לויפט איהר אזוי גלייך נאך מעריב, און זמירות, און מלוה מלכה? ענטפערט דער איד מיט דער קאפאטע: איך לויף צום פריין זינגען „מה יפית" פאר איהם! „סטייטש! אזא ערנידערונג!?" פרעגט יענער ביי איהם נאך אמאהל. „ברודערשי! אז מען דארף מעלקען א בהמה, מוז זיך דער העכסטער מענש איינבויגען צו דער בהמה.

רבותי! מקץ, זאל עס שוין נעמען איין ענדע צו אונזערע ערנידערונגען! כי רב שבענו בוז, אפילו דער רב, איז שוין ביי אונז אויך ערנידעריגט געווארען אין גלות! אויב בעטען, לאמיר בעטען בעסער ביי גאט! — מיר זאגען: עד הנה עזרונו רחמיך, ולא עזבונו חסדיך, ואל תטשנו ד' לנצח. — צו וואס דארפען מיר נאך זאגען „עד הנה", עס איז דאך דער עיקר וואס מיר בעטען יעצט, „ואל תטשנו". נאר עס איז איין אונטערשיעד צווישען איינעם וואס מאהנט א חוב, ביז איינעם וואס בעט א מתנת חנם. א חוב, אויב מען האט שוין אפגעצאהלט· קען מען דאך שוין מעהר ניט מאהנען; אבער דער וואס בעט א מתנת חנם, קען ער אלעמאהל בעטען. אט דאס איז דער פשט פון „עד הנה עזרונו רחמיך", ביז יעצט רבש"ע האסטו דאך געגעבען, האטש דו ביזט ניט געווען אונז קיין בעל חוב, נאר מיט רחמים האסטו געטאהן מיט אונז, א מתנת חנם, אזוי רבש"ע, פארלאז אונז ניט אין דער צוקונפט!

רבותי! איך וואלט וועלען אנאליזירען מיט אייך דעם געדאנק פון „בטחון" אביסעל מעהר. נעמט צום ביישפיעל א קראנקער. ער דארף געהן צו א דאקטאר. און פקוח נפש איז דאך

# תבת נח

דוחה שבת און יו״כ עס איז געשריבען: ושמרו בני ישראל את השבת לעשות את השבת לדורותם. וואָס מיינט דער פסוק: היטען שבת און טאָהן שבת? ושמרו און לעשות? גאנץ פשוט! א יולדת אָדער א ברית אדער ח״ו א קראנקער, איז א מצוה צו טאָהן פאר זיי אום שבת. לדורותם, צוליעב די דורות וואָס פון די מענשען וועלען ארויסקומען דורות מיט אידען, — „לעשות את השבת לדורותם״. און אין א שטאָדט וואו אידען וואוינען, מוז זיין א דאָקטאָר. דאָס מיינט אָבער ניט חו״ש אז מען דארף זיך פאר־לאָזען אויפ׳ן דאָקטאָר, אָדער אויף דער מעדיצין.

א רבי וואָס איז נעביך געוועזען קראנק, האָט געהייסען די חסידים אז זיי זאָלען איהם ברענגען א דאָקטאָר. ווען דער דאָק־טאָר האָט איהם פארשריבען א רעצעפט, האָט ער געשיקט אין דראָג סטאָר עס קויפען. ווען מען האָט עס איהם געבראכט האָט ער אָבער די מעדיצין ניט גענומען. ווען די חסידים האָבען איהם געפרעגט פארוואָס ער נעמט ניט די מעדיצין? האָט ער זיי גע־ענטפערט: קינדערלאך! דעם דאָקטאָר האָב איך גערופען ווייל ער דארף אויך פרנסה און וויל לעבען. און אויך דער דראָגיסט, ער דארף דאָך אויך לעבען. אָבער דעם מעדיצין וויל איך ניט טרינקען ווייל איך וויל אויך לעבען!— דער קלוגער רבי האָט געוואוסט אז די מעהרסטע קראנקהייטען דארפען געהיילט ווע־רען נאַטירליך, אָהן מעדיצין. דערפאר זאָגט די גמרא: „הטוב שברופאים וכו׳. טוב איז גימ׳ י״ז. דער דאָקטאָר דארף גלויבען אין דער אַכצענטער ברכה, „רפאנו ד׳ ונרפא״,

מיר איז אמאָהל אויסגעקומען צו אינסטאלירען א דאָקטאָר אין אונזער בקור חולים אין בענסאָנהוירסט. האָט ער פארלאנגט איך זאָל איהם בענשען. האָב איך איהם געבענשט אז ער זאָל זיין צו אונזער בקור חולים אזוי ווי איין אַלטע מויד,— אלעמאָהל פארטיג צו געהן, אָבער קיינער דארף זי ניט. אזוי זאָל מען איהם ניט דארפען.

מען האָט אמאָהל געפרעגט דעם בעש״ט וויאזוי קען זיין א היתר אין אמונה אז מען זאָל ניט דארפען פארלאָזען זיך אויף

גאָט. ווארום די גמרא חולין זאָגט דאָך אז אין אלע איסורים איז דאָ א היתר, צום ביישפּיעל, דם איז אסור, אָבער דם כבידאָ, א לעבער, איז דאָך דורכאויס בלוט, און מען מעג עם עסען. א. ז. וו. — האָט דער בעש"ט געענטפערט: אז ביי צדקה, ווען א אָרימאן בעט מען זאָל איהם העלפען, פארלאָז זיך ניט אויף גאָט אז ער וועט איהם העלפען, זיי ניט קיין בעל-בטחון אויף דעם אָרימאן'ס חשבון, נאָר העלף איהם אליין.

(ע"כ מענין בטחון).

דבר קצר בגמ' חולין.

איך דענק אז דער מאַראל פון דער גמ' חולין וואָס זאָגט: „כל מאי דאסר לן שרי לן בדכותיה", ד. ה., אז אין יעדער איסור איז דאָ א היתר, לערענט אונז די גמרא אז פון יעדע שלעכטע זאַך קען מען מאַכען גוט, אז אין יעדער זאך איז דאָ גוטעס, און אין יעדער אומריינס, ריינס. „מי יתן טהור מטמא", דער שפּין האָט זיין גוטע זייט, און דער שלאַנג קען ווערען געברויכט פאַר מעדיציניש צוועקען. דער בין וואָס בייסט, גיט האָניג, א. ז. וו. בכן, דאַרף מען אלעם דן זיין לכף זכות, און קיין זאך ניט פאַר-אורטהיילען.

## דרשה ד.

## כי נשני א-ל-קים את כל עמלי ואת כל בית אָבי

**מורי ורבותי!** ווי איז עס מעגליך אז יוסף זאָל פארגעסען אין זיין פאָטער'ס הויז? רש"י זאָגט דאָך: ראה דמות דיוקנו של אָביו. דערפאר האָט ער ניט געקענט זינדיגען. ווען מיר פארשטעהן איין ענטפער צו דעם דורך א משל.

א גרויסער סוחר האָט פארלוירען זיין גאנץ פארמעגען אין ביזנעס, און האָט ניט געהאט מיט וואָס צו באצאָהלען די קרעדי-טאָרס, צווישען וועלכע עס זיינען געווען אסך אָרימע לייט, אָרימע ארבייטער, און זיי וואָלטען איהם געמאַכט זעהר פיעל טראָבעל. איז דער יורד אוועק צום חכם פון שטאָדט פאר איין עצה. האָט דער חכם אויף איהם רחמנות געהאט און איהם גע-

ליהען עטליכע הונדערט דאָלאר און אויך איהם געגעבען איין עצה אז ווען ער וועט קומען צוריק אהיים, זאָל ער זיך פאַר־שטעלען פאר שטום און טויב, ער האָט איהם געלערנעט וויאַזוי די שטומע קווּיטשען און מאַכען העויות. ווען ער איז געקומען אהיים, און זיינע קינדער מיט זיין פרוי האָבען דערזעהן אזא אומגליק האָבען זיי געביך זעהר געשריגען און געוויינט, און דער קלאַנג איז באוואוסט געוואָרען שנעל איבער'ן שטאָדט. די קרעדיטאָרס האָבען איהם גאָרניט געטאָהן, געוועהנליך, און די רייכע לייט וואָס האָבען מיט איהם געהאנדעלט, זיינען באלד געקומען צו הילף און זיי האָבען איהם אריין געשיקט עטליכע צענדליג טויזענד דאָלאר ער זאָל קענען פאָהרען פאר מעדיציני־שע הילף. ווען דער חכם האָט זיך דערוואוסט דערפון, איז ער געקומען ביי איהם צוריק מאָהנען דעם חוב, געוועהנליך, אין דער שטיל, אז קיינער זאָל ניט וויסען. האָט ער זיך מיט איהם פארשלאָסען אין א צימער און בעט ביי איהם די געלד וואָס ער האָט איהם געליהען. ווי ערשטוינט איז ער געוואָרען ווען ער האָט דערזעהן ווי דער בעל חוב האָט אָנגעפאנגען קווּיטשען און מאַכען זיך שטום צו איהם אויך. — אָט דאָס מיינע פריינדע, זאָגט די תורה אז יוסף האָט זיך ניט געוואָלט פארגעסען זיין פאָטער, וועלכער האָט איהם געלערענט די מדה טובה פון פאַר־צייהונג, פון פארגעסען די עולות וואָס מען איז געגען איהם באַ־גאנגען. האָט ער געמאַכט א סימן מנשה. אז פארגעסען די עולות דאָס יאָ, אָבער דעם פאָטערס הויז און די ליעבע צו ברידער, דאָס ניט. „כי נשני את כל עמלי," אָבער ניט את בית אָבי. דאָס איז דער פשט פון „כי נשני א־ל־קים את כל עמלי ואת כל בית אָבי", איך זאָל חו"ש ניט פארגעסען אלעס דערפאר מאַך איך א סימן און רוף „מנשה".

## פרורים — ברעקלאך

### א.

**אלקים יחנך בני,** האָט יוסף געזאָגט צו בנימין'ען. רש"י ענטפערט פארוואָס „יחנך"? אָבער מיר קענען זאָגען אזוי: ווייל

ער זאָגט דאָך „הזה אחיכם הקטן אשר אמרתם?״ איהר האָט דאָך געזאָגט אז ער איז א קליינטשיקער, קיין בייז אויג זאָל אים ניט שאַדען, א פיינער קליינטשיגער! ער איז ווייזט אוים געווען אזוי, דער ריכטיגער גבור, און ער איז שוין געווען א טאַטע פון קינדער. „יחנך בני״.

ב.

**והאחד איננו**, ויאמר אליהם יוסף, הוא אשר דברתי אלכם לאמר: מרגלים אתם, — אויסער דעם געוועהנליכען פשט אין פסוק, קען מען דאָ לערנען אזוי דעם פשט אויך: איהר זאָגט דאָך והאחד איננו, אז ער איז ניטאָ יענער ברודער, און איך זאָג אייך: הוא אשר דברתי, דאָס איז דער יעניגער וואָס איך רעד צו אייך! און זיי האָבען ניט באגריפען וואָס ער האָט זיי יעצט געזאָגט. אזוי זיינען זיי געווען נערוועז.

ג.

**האנשים שלחו** המה וחמריהם. צו וואָס דאַרף נאָך די תורה זאָגען „וחמריהם״? ווייל יוסף וואָלט ניט געוועזען טאָהן אזא זאַך ווי מאַכען א בלבול, נאָר ער האָט אויסגעפּראָבירט צו מען איז מסכים מן השמים אויף דעם. די גמרא אין תענית כ״ד זאָגט אז ר׳ יוסי מן יוקרת׳ם אייזעל פלעגט ניט אוועקגעהן מיט א זאַך וואָס באלאנגט ניט צו ר׳ יוסי׳ן. אז מען האָט אמאָהל פארגעסען אויף דעם אייזעל א פּאָר סאַנדאַלען, איז זי ניט אוועק ביז מען האָט עס ניט אראָפּגענומען פון איהר. ווייל הקב״ה אינו מביא תקלה אפילו ע״י בהמתן של צדיקים, און דאָס איז געווען יוסף׳ס פּראָבע, האָט ער געזעהן אז „והאנשים שלחו המה וחמריהם. איז דאָך א סימן אז מען איז מסכים מן השמים אז מען זאָל זיי אזוי טאָהן, בכדי זיי זאָלען אביסעל אָפּקומען פאר זייערע זינד און ניט דאַרפען אזוי פיעל באצאָהלען פאר דעם אויף יענער וועלט, דערפאר זאָגט ער„ האנשים שלחו, המה וחמריהם, זיי זיינען געגאנגען און די אייזלען אויך, און זיי האָבען זיך ניט פארהאלטען. אזוי ווי דער אייזעל פון ר׳ יוסי, אָדער רבי פינחס בן יאיר׳ס. (בגמ׳ חולין).

# ויגש

## דרשה א.

## מום שבך אל תאמר לחברך

**ויגש אליו יהודה** ויאמר: ידבר נא עבדך באזני אדוני ואל יחר אפך בעבדך. (רש"י) מכאן אתה למד שדבר אליו קשות, משום שאמר ואל יחר אפך, כי כמוך כפרעה, מה פרעה גוזר ואינו מקיים, מ"ד סופך ללקות עליו בצרעת כמו שלקה פרעה, ד"א אם תקניטני אהרוג אותך ואת פרעה אדונך.

**רבותי!** אט דא אין דער תורה לערנען מיר פון אידישער גבורה, פון מוטה און קאמפף! דו ביזט א ליגנער! זאגט צו איהם יהודה, אזוי ווי אלע פריצים, דיין פריץ פרעה איז א ליגנער, א מצורע, און איך וועל אייך ביידען באפרידיגען! אט דערפאר זאגט ער עס איהם אין אויער, „באזני", כדי ניט פארשעמען איהם. הער זיך איין! ביי אונז אין אונזער פאמיליע איז ניטא קיין גנבים אזא סחורה איז ניט פאר אונז געדאכט, ביי אונז איז דא כעסנים, כהנים, חברה וואס אז מען טשעפעט זייער שוועסטער הרג'נען זיי אויס א שטאדט, אבער ניט קיין גנבים! נאר וואס דען, דו האסט געמאכט א בלבול אויף אונז, ווייל מיר האבען געזאגט אז „יש לנו ילד זקנים", וועלכעס מיינט בר חכים, ווייל אונזער פאטער האט איהם איבער געגעבען די אלע רייד פון די זקנים, און דו ווילסט איהם פארהאלטען ביי זיך, דערפאר האסטו געמאכט דעם בלבול אויף איהם און ניט אויף אונז! און ווען יהודה רעדט איז עס דברים היוצאים מן הלב, ונכנסים אל הלב! שני שלטונין זולגות דם, פון די אויגען רינט ביי איהם בלוט, די האר פון הארצען שטעכען דורך אלע זיינע פינף בגדים, ער רעדט לאגיש, יהודה! ער קניפט אן איין ווארט צום צווייטען און מאכט דערפון א לאנגען שטריק, אזוי ווי איינער וואס וויל א טרונק אין דער מדבר און ער דארף קניפען א שטריק ווען ער דערזעהט א קוואל וואסער. — דא האט יוסף זיך שוין ניט געקענט איינהאלטען! ווער איז א ליגנער?! מום שבך אל תאמר לחברך! איהר זייט דאך

# תבת נח

די ליגנער, איהר האָט דאָך געזאָגט אז „ואחיו מת", אז זיין ברודער, אָט דעם בנימין'ס, איז טוידט! הערט-זשע: אני יוסף! און איהר זייט ליגנער! איך לעב דאָך! טאָ זאָגט-זשע מיר טאַקע: העוד אבי חי? לעבט נאָך מיין פאָטער? ווארום וויבאלד איהר זאָגט דאָך שוין ליגען, זאָג איך „אבי" מיין פאָטער, איהר קענט דאָך ניט זאָגען אז ער איז אייער פאָטער אויך! ווי קען מען דען פארשאפען א אייגענעם פאָטער אזוי פיעל צער, ווי איהר האָט איהם פארשאפט?! דערפאר פרעג איך אייך: העוד אבי חי? מיין פאָטער און ניט אייערער! — ווארום-זשע האָט דאָך יוסף געטאָהן אזא זאך צו בנימין'ען, וועלכע וואָלט דאָך פארשאפט זעהר פיעל יסורים און צער דעם פאָטער?! נאָר יוסף האָט גע-וואָלט אויספראָבירען וויפיעל זיי זיינען זיך מקריב פאר רחל'ס קינדער. און ער האָט זיך איבערצייגט אז יא! פון בנימין'ען איז דערפאר ארויסגעקומען מרדכי בן קיש איש ימיני, וועלכער בוקט זיך ניט צו דעם אנטיסעמיט המן! שטאָלצע אידען זיינען יעקב'ס קינדער! אפילו אין היינטיגען גלות אויך!

עס איז געוועזען אָנאָנסירט אין א צייטונג אז ווער עס וועט אויפשרייבען דעם שעהנסטען און פאסיגסטען טייטעל אויף א מצבה וועלכע מען וועט שטעלען אויף דעם באוואוסטען אנטי-סעמיט, נאָך זיין טוידט, קריעגט דערפאר צען טויזענד מארק, האָט איין אמעריקאנער איד אויפגעשריבען: ביוטי, "Beauty, Purity, Sacrifice" פיוריטי, סאַקריפייס. די אנטיסעמיטען האָבען זיך געוואונדערט וויאזוי אידען זיינען ביי זיך אזוי נידעריג צו פארקויפען זיך פאר געלד און אויף אזא שונא ישראל אויפשרייבען אזוינע גוטע ווערטער! אָבער זיי האָבען זיך איבערציינגט אז יעקב'ס קינדער האָבען נאָך אין זיך שטאָלץ. ווען דער איד האָט פארטייטשט די ווערטער אין אידיש, „ביוטי" — שעהן; „פיוריטי" — ריין; „סאַקריפייס" — א כפרה ד. ה. א שעהנע ריינע כפרה.

אין די ווערטער „אני יוסף" איז געווען אסך מוסר! די ברידער האָבען ניט געקענט ענטפערען אויף דעם מוסר פון דעם קלענסטען פון די שבטים, ק"ו וואס קען א מענש ענטפערען צום יוה"ד?

# תבת נח

עס האָט אמאָהל אום יוה"כ א ישוב'ניק געזאָגט על חטא, און האָט ארויפגעלעגט דעם מחזור אויפ'ן רב, וועלכער איז גע־שטאַנען איינגעבויגען, מיט'ן פנים צו מזרח. ווען ער האָט אויס־גערעכענט זיינע חטאים, זאָגט דער רב צו איהם: ער האָט גע־זינדיגט און אויף מיר זאָגט ער! — אזוי האָט יוסף געזאָגט, איבערהויפט צו יהודה'ן ווען יהודה האָט איהם געזאָגט „באָזני" אז ער איז א ליגנער. און יוסף האָט געזאָגט: העוד אָ־ב־י, וואָס מיינט אין ר"ת: **אני בן יעקב.**

א שמייכעל צייגט זיך אויף מיר ווען איך דערמאָן זיך אז ווען איך בין געלעגען א פארוואונדעטער אין ארמיי האָספיטאל אין מלחמה יאָהרען, איז איין ארמיי דאָקטאָר אריין צו באַטראַכ־טען א קראַנקען סאָלדאט, און אזוי ווי דער דאָקטאָר איז געווען זעהר שכור, האָט ער עפ"י טעות ניט געפיהלט דעם קראַנקען'ס פולס, נאָר זיין אייגענעם, און שרייט אויס: עס איז גאָרניט קיין קראַנקהייט! ער איז בלויז שכור! — עס זיינען דאָ מענשען ביי היינטיגער צייט, וועלכע אורטהיילען יענעם שלעכט, מעסטען זייערע אייגענע פעהלערען אויף יענעם. „מום שבך אל תאמר לחברך".

אין א קאָנגרעגיישאָן וואו מען האָט ניט געוואָלט אָנהאַל־טען ניט קיין רב און ניט קיין חזן, האָט זיך דער פרעזידענט אָנ־גערופען: איך דארף ניט קיין חזנים, איך בין אליין א פינישער! דאָס הייסט ער באטראכט דעם שליח צבור, דעם פראָפעסיאָנאלען מנגן אלס א פינישער פון די תפלות, ער מעסט די כלי קודש מיט זיין אייגענעם פאך. אחינו בני ישראל! רעספעקטירט די תורה און די שוהל.—„כל המכבד את התורה גופו מכובד על הבריות" דער פשט דערפון איז נאָך מיין עקספיריענס אז ווען איהר וועט רעספעקטירען די תורה און ת"ח, וועלען אייך די פעלקער געוויס רעספעקטירען. וואָס פאר א רעספעקט קענט איהר ערווארטען פון די פעלקער, ווען ח"ו איהר אליין רעספעקטירט ניט אייערע געלערענטע. אוי להם לבריות מעלבונה של תורה. אָט האָט איהר דאָ מכירת יוסף, קנעכטשאפט, גלות, אלעם צוליעב שנאת אחים. שובו בנים, והשיב לב בנים על אבותם, ובא לציון גואל בב"א.

# תבת נח

## דרשה ב.

## לסוכות וחינוך בנים

**כי עבדך** ערב את הנער, כי איך אעלה אל אבי והנער איננו אתי! פן אראה ברע אשר ימצא את אבי!

**רבותי!** אלעס וואס עס ווערט געזאגט אין דער תורה איז עס אויך פאר אונזערע יעצטיגע דורות, ניט נאר פאר דענסטמאל. די תורה זאגט: כי עבדך ערב את הנער — מיר זיינען ערבים פאר דער ערציהונג פון דעם יונגען דור, דעם נער. און ביי מתן תורה האט גאט ניט געוואלט קיין אנדער ערבות ווי נאר די יונגע קינדער, אפילו די אבות האט ער ניט געוואלט, ווייל ער וויל די צוקונפט ניט די פארגאנגענהייט. הה"ד מפי עוללים ויונקים יסדת עוז, — כי איך אעלה אל אבי, וויאזוי־זשע קען איך ארויף געהן צום טאטען אין הימעל אז „והנער איננו אתי" אז די קינדער זיינען ניט ערצויגען ווי אידען, זיי זיינען ניט מיט אונז! פן אראה ברע אשר ימצא את אבי — רע, מיינט מען דעם גיהנום. אז ד"ה ע"ה האט געלאזען א בן חכם שלמה'ן, האט ער געזאגט: „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירע רע". רש"י זאגט אויפ'ן פסוק „כי עבדך ערב", וא"ת למה אני נכנס יותר משאר אחי, אני נקשרתי בקשר חזק להיות מנודה בב' עולמות. — דער ווילנער גאון ז"ל געפינט די ווערטער פון רש"י אין דעם טראפ אויף ויגש אליו יהודה ויאמר בי אדוני!—קדמא ואזלא רביעי, פארוואס האב איך זיך געפעדערט צו קעמפפען פאר דער באפרייאונג פון בנימין.ען, פריהער פאר מיינע ברידער, די גרויסע קעמפפער, די רגזנים, האטש איך בין דער פערטער?! ווייל „זרקא מנח סגל" איך האב זיך אוועקגעווארפען פוןביידע וועלטען איך זאל ניט קענען זיין מיט אלע י"ב שבטים. „בי אדוני", בי איז גימ' י"ב. כי איך אעלה, דער ווארט „אעלה" איז ר"ת אתרוג ערבה לולב הדסים. עס זיינען דא פיער קלאסען אידען: אתרוג, גוטע און פיינע אידען, צו גאט און צו מענשען; ערבה, פוסטע מענשען, רקנים,; לולב, וועלכעס מיינט לו־לב, אידען מיט גוטע הערצער, א הויכע מדרגה! אזוי הויך ווי א לולב! און אסך העכער! הדסים,

# תבת נח

איז די יעניגע וואָס האָבען א גוטען אראָמאַט-פּאַרפיום, אינטע-ליגענטען, משכילים, לומדים, אָבער ביז צום פּאַקעט! אין ענגליש הייסט עס: „איי״, אידען; „בי״, אידען, בר־מצוה אידען. „סי״, אידען, קריטיקער, מבינים אויף א חזן.

אָדער א געוויסער איד וואָס וויל ניט געבען קיין מאָהל א פּרוטה אויף איין אינסטיטושאָן, האָט א מרגלא בפומיה, יבגאק״נ דאָס הייסט, י־אָלדען ב־רענגען ־געלד א־ון ק׳לוגע נ׳עמען. א קריטיקער! — איינער אזא קריטיקער דערצעהלט אז ווען ער האָט א משולח געגעבען א דאָלאר, האָט ער איהם געפרעגט אויב עס וועט האָטש אָנקומען צען סענט אויף די אָרימע פון דעם דאָלאר וואָס ער גיט, האָט דער משולח דאן פארלאנגט נאָך צען סענט . . . — און אָט האָט איהר א אידען וואָס דערצעהלט אז א געוויסער חזן האָט נאָך כל נדרי אין דער ברכה שהחינו, געזאָגט פּילייכט הונדערט מאָהל דעם וואָרט „שהחינו״, האָט איהם דער רבאַי געפרעגט: ווארום? האָט ער געענטפערט אז ער זאָגט עס אויף די מתפּללים, וואָס קומען ניט א גאַנץ יאָהר אין שוהל. האָט דער רבאַי געזאָגט, אז יעצט פארשטעהט ער שוין פארוואָס דער צבור זאָגט די ברכה „שהחינו״ אין דער שטיל. דאָס מיינען זיי דעם חזן וואָס קומט אויך ניט אין שוהל, נאָר זיי ווילען איהם ניט מביש זיין.

‘D’ D—means death אידען מיינט ווען איינער שטאַרבט נאָך וועמען ער דאַרף זאגען קדיש קומט ער דאן אין שוהל, פון קלאס „די״ האָב איך זעהר פיעל מאָהל באגעגענט קדיש זאָגען, ווארום ביי אונז אין שוהל איז אלעמאָהל דאָ צוויי גרופּעס אידען,— „ומקבלין דין מן דין״ אָדער די מקבלים, די אָרימע אלטע אידען וואָס לעבען פון קינדער, אָדער אמרין קדיש, די קדיש זאָגער. איינעם אזא יונגען מאן האָב איך געטראָפען וויינען ווען ער זאָגט קדיש, ווייסט איהר פארוואָס? ווייל ער האָט געהאלטען אין האנד איין הגדה, עפ״י טעות, און אין דער הגדה איז „קדש ורחץ״ מיינט ער אז ווען מען זאָגט קדיש דאַרף מען זיך באַוואַ-שען מיט טרערען. דאָס איז גראדע געווען פּאסיג צו וויינען, ווייל

# תבת נח

דער פאָטער זיינער איז געשטאָרבען אזוי יונג. אָבער ביי איין אנדער געלעגענהייט האָב איך געזעהן ווי א יונגער מאן איז צוגעגאנגען צום שמש אין שוהל און זאָגט: פּליעז, רעוורענד! You say Kadish after my Dad and I'll say after you!— „איך בין אייך מוחל", האָב איך געהערט דעם שמש זאָגען „דער-ווײלע לעב איך נאָך, און אז איך וועל שטארבען וועלען מיינע אייגענע קינדער זאָגען קדיש". „איהר פארשטעהט ניט קיין ענגליש", האָט דער יונגערמאן איהם געענטפערט, „איך מיין, אזוי ווי איך קען קיין עברי, זאָגט איהר קדיש נאָך מיין פאָטער, און איך וועל אייך נאָך זאָגען.—יו סעי קדיש ענד אַי וויל פאלאוו. You say Kadish and I will follow.

איינמאָהל האָב איך בייגעוואוינט א טרויעריגען ביישפּיעל. א יונגער באַי וואָס פלעגט קומען דריי מאָהל א טאָג זאָגען קדיש נאָך זיין מוטער, האָט אין א צייט שפּעטער, ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבען, אפילו ניט געקומען קיין איין מאָהל קדיש זאָגען, און ווען מען האָט איהם געפרעגט: ווארום? האָט ער גע-זאָגט אז מיט'ן קדיש האָב איך דאָך געבראכט מיין מוטער'ס נשמה אין גן עדן, און אזוי ווי מיין פאָטער פלעגט זיך ארום קריגען מיט מיין מוטער, איז בעסער זיי זאָלען זיין באזונדער, און אז זי איז אין גן עדן טאָ זאָל ער שוין בעסער געהן אין גיהנום.

„כי איך אעלה אל אָבי" מיינט מען, וויאזוי קען א איד קומען במנוחה, „וינוח בשלום על משכבו", ווען זיינע קינדער זיינען קיין אידען. „והנער איננו אתי".

נעמט, פריינדע, א ביישפּיעל פון יוסף'ן. — צו זיבעצען יאהר איז ער אוועק אין א פרעמד לאנד, אין ארץ הטומאה, אין פריידען און ליידען איז ער דאָך געבליבען א געטרייער איד! „עברי"! האָט ער זיך אלעמאָהל פאָרגעשטעלט. ער האָט שטאָל-

צירט מיט אידישקייט נאָך מעהר ווי משה רבינו, ע״ה, וואָס ער האָט פארשוויגען ווען יתרו׳ס טעכטער האָבען איהם אָנגענומען פאר א מצרי. דערפאר האָט דאָך יוסף׳ס קערפער זוכה געווען צו ליגען אין א״י. — „ויהי איש מצליח״, חאָטש ער האָט באַגליקט איז ער דאָך געוועזען „ויהי ד׳ את יוסף״, איז ער געבליבען א איד. — אָט דאָס איז אויך דער געדאנק וואָס ישעי׳ הנביא זאָגט: ידע שור קונהו, וחמור אבוס בעליו. ישראל לא ידע.— היתכן? אז ישעי׳ זאָגט אז מיר זיינען ערגער חלילה פון איין אָקס און פון איין אייזעל?! נאָר ישעי׳ זאָגט: אז דער יונגער, זיבעצען יאָריגער יוסף, וואָס יעקב רופט איהם אָן „שור״, צוליעב זיין שעהנקייט, איז „ידע שור קונהו״ ער איז א געטרייער איד צו גאָט און זיין פאָלק געבליבען, און היינטיגע אידען פארגעסען שנעל, ר״ל. „וחמור״ מיינט מען יששכר׳ען, ער פלעגט קריגען גענוג סופאָרט צו עסען פון „בעליו״, פון די בעה״ב תומכי תורה. ליידער היינטיגע צייטען איז ניטאָ קיין פיעלע תומכי-תורה.

## דרשה ג.

## א טוידטער שטארבט ניט.

„ויוסף ישית ידו על עיניך״.

**יעקב אבינו** האָט זיך געשראָקען טאָמער איז יוסף קאַליע געוואָרען, האָט איהם גאָט געזאָגט: „יוסף ישית ידו״ ער וועט טאָהן אלע גוטע זאכען, מצות, און וועט מיט זיין האנד אלעס טאָהן, אויף דעם וואָס יעקב האָט אויפגעפאסט מיט זיינע אויגען צו לערנען איהם דעם ריכטיגען וועג ווען ער איז נאָך א יונגער באַי געוועזן.

אמאָהל האָט א איד געזאָגט צווישען אידען אז ער דענקט אז דער יעצטיגער המן, דער גרעסטער אנטיסעמיט, איז אזוי אויסערגעוועהנליך שלעכט, ווייל ער האָט ניט קיין קינדער, האָט ער ניט די געפיהלען פון ליעבשאפט צו דער מענשהייט. האָט איהם א קלוגער איד געענטפערט: וואָס דארפט איהר זיך

# תבת נח

**זאָרגען וואָס ער האָט ניט קיין קינדער, זאָרגט זיך בעסער וואָס זיין פאָטער ימ״ש האט געהאט קינדער.**

בני חיי ומזוני, איבערהויפט די ברכה פון גוטע קינדער איז גאָט׳ס ברכה צו גוטע מענשען, וועלכע העלפען און טוהען גוטס מיט אלע מענשען. אָט דאָס האָט יעקב אבינו געזאָגט: אמותה הפעם אחרי ראותי את פניך. יעצט, האָט ער געזאָגט, קען איך זיך שוין מוסר נפש זיין, און אזוי מכון זיין אין קשמ״ע „בכל נפשך״ אפילו נוטל את נפשך. ווייל ביפאָר איז ער דאָך געווען ווי א טוידטער ווען ער האָט געמיינט אז יוסף איז ניט געבליבען צו זיין נאָך זיין טוידט איין איבערגעגעבענער נאָכפאָלגער אין זיינע טריט פון אידישקייט, ווייל דער וואָס לאָזט ניט אזא זוהן, „מי שאינו מניח בן, הקב״ה מלא עליו עברה״, אָבער דוד המלך, ע״ה, שהניח בן כמותו לא נאמרה בו מיתה, און כדי צו מוסר נפש זיין זיך דארף מען דאָך זיין א לעבעדיגער. דערפאר האָט ער געזאָגט: „אמותה הפעם. א טוידטער שטארבט ניט.

# ויחי

## דרשה א.

## געטרייע קינדער.

רבותי! דער וואָרט ויחי איז גימ׳ פיער און דרייסיג. פון די אלע יאָהרען וואָס יעקב האָט געלעבט איז עס ניט פאררע־כענט פאר לעבען. בלויז פיער און דרייסיג יאָהר וועלכע מען קען אָנרופען לעבען. א וואונדער! דער גרעסטער וואונדער!! א קינד פון אזוינע רייכע און פראָמינענטע עלטערען, און דאָך האָט ער ניט געלעבט! ווייזט אוים אז רייכטהום מאַכט ניט גליקליך. דער וואָרט ׳וישב׳ איז אין ר״ת א היסטאָריע פון יעקב׳ס צרות. דער ו׳ פון וישב, איז ווי רש״י זאָגט, „בקש יעקב לישב בשלוה וקפץ עליו רוגזו של יוסף״. אין יוסף׳ס נאָמען איז דאָך דאָ א ו׳. דער י׳ פון וישב איז פון זיין טאָכטער דינה, וועלכע האָט איהם פארשאפט גענוג צרות. דער ש׳ פון עשו׳ס נאָמען. און דער ב׳ פון לבן. בלויז די זיבעצען יאָהר וואָס יעקב איז צוזאמען מיט זיין יוסף׳ן געווען אין מצרים און זיבעצען יאָהר ביז יוסף איז אוועק פון איהם, צוזאמען איז פיער און דרייסיג יאָהר. ווירקליך, א פאמיליען טראגעדיע. פון אלע זיינע קינדער האָט ער יוסף׳ן מעהר ליעב פון אלעמען. אַ געטרייער קינד. א בן זקנים. בר חכים, דער מוטער רחל׳ס.

א רייכער איד וואָס האָט געהאט וועלדער און פעלדער, הייזער און ברייזער און זיינע קינדער זיינען שוין לאנג אין אמעריקא, וואָס זיינען אוועק פון יוראפ, איבער די מלחמות און פאָגראָמען. אָבער דער אלטער פאָטער האָט פריהער ניט געוואָלט אוועק פון דעם לאנד וואו ער און זיינע עלטערען און עלטערען׳ס עלטערען זיינען ערצויגען געוואָרען, און האָבען דאָרט זייערע יאָהרען אויסגעלעבט. אָבער אונטער יעצטיגע אומשטענדען, האָט ער אלעס צו מזומן געמאַכט איין ערך הונדערט טויזענד אמערי־קאַנער דאָלאר, און ער פאָהרט צו די קינדער אין אמעריקא. ער וויל אָבער די קינדער שטעלען צו פראָבע, אויב זיי מיינען איהם

אָדער זיין געלד. טוהט ער זיך אָן א צוריסענע זשופיצע, א צורי־
סענעם קאַפעליוש, א. ז. וו. ווען די קינדער קומען איהם אַפנעמען
און דערזעהען איהם אין קרועה בלועה, פרעגען זיי וואָס איז עס?
זאָגט ער צו זיי: „קינדער מיינע! די פאָגראָמשטשיקעס האָבען
מיך געוואָלט הרג'נען האָב איך מיך אויסגעלעזט מיט מיין געלד.
קינדערלאך! מיין געלד איז ניטאָ, אָבער איך בין דאָ". אזוי שנעל
ווי זיי האָבען דערהערט אז קיין געלד האָט ער ניט, האָבען זיי
זיך צוביסלאך אלע צוקראָכען פון איהם. זיין גאַנצער גליק איז
געווען וואָס איין זוהן האָט ער געהאַט וועלכער איז געווען ניט
לאַנג אין אמעריקא, איין אָרימער פרוכט פעדלער. איז ער צו־
געגאַנגען צו איהם און געזאָגט: „טאַטע'שי! איך וואוין אין
שכנות ביי א שוהל, עס איז דאָ מנין ערב ובקר. און עסען וועסטו
עסען וואָס איך וועל עסען, פרוכט מיט ברויט, א. ז. וו. — האָט
דער פאָטער געזעהן אז פון אלע קינדער האָט ער בלויז איינעם א
געטרייען, האָט ער איהם געוועהנליך אוועקגעגעבען די גאַנצע
געלד.— מיינע פריינדע! פון די אלע שבטים איז ביי יעקב'ן
דער געטרייסטער געווען יוסף, און ווען ער איז מיט יוסף'ן לעבט
ער . . . ויחי.

## דרשה ב.

## יעקב לא מת.

**ויקרבו ימי ישראל למות.** רב נחמן ורב יצחק הוו יתבי
בסעודתא, אמר לימא לן מר, אמר אין משיחין בסעודתא, ד. ה.
אין מיטען עסען רעדט מען ניט. (אויף דעם מאמר חז"ל זאָגט
מען א ווערטעל, אין משיחין בסעודתא, מפני הסכנה. א רב טאָר
קיינמאָהל ניט דערמאָנען זיין פינאַנציעלע לאַגע אז מען דארף
עסען. עס איז א סכנה אז מען זאָל איהם ניט ענטזאָגען דערפאר
פון דער שטעלע. אין משיחין, מען טאָר ניט רעדען, בסעודתא,
וועגען דעם וואָס עס איז ניטאָ וואָס צו עסען). לבתר דסעיד,
אָמר: יעקב אָבינו לא מת. יעקב איז ניט געשטאָרבען. עס איז
דאָך אָבער געשריבען אין דער תורה אז מען האָט איהם באַלד
געבאַלזאַמירט און מען האָט איהם מקבר געווען און באַקלאָגט!

# תבת נח

